הירש מלמד

# אין באנגע

ה י ר ש   מ ל מ ד

4A
43227

# אין באַגינען

י ו ס ף
מ ש ה
ש א ו ל

IZDEVNIECĪBA „DZĪVE UN KULTURA"
Rīgā, Dzīrnavu ielā 57. 1939
פאַרלאַג „דזיווע און קולטורא" ריגא

HIRŠS MELAMEDS

# IN BAGINEN

דעקלצייכענונג — ק. אראן
וויניעטקעס — א. זעלבאוויטש

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:11425

Printed in Latvia

A/S. „Rota“ II spiestuve, Rīgā, Dzirnavu ielā 57.

# א ר י י נ פ י ר

די כאַראַקטעראָלאָגיע פון ביבלישן מענטש איז ביז איצט אַ ניט באַאַרבעט פעלד. די רייכקייט און פאַרביקייט פון די פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען פאַראייביקט אין תנך, לאָקן צו זיך מיט אַ גרויסער קראַפט. קורץ און קאַרג באַשרייבט דער תנך זיינע העלדן. די לויטערע אַקטיווקייט אין דער האַנדלונג ברענגט דערצו, אַז נאָר לויט השערות און מיט דער הילף פון קינסטלערישע דערגענצונגען קענען מיר אַרויסדרינגען די פּסיכאָלאָגישע אומשטענדן און די אויסערלעכע באַדינגונגען פון דער אַלטער צייט. דאָס אַלץ באַגרעניצט די מעגלעכקייט פון ריין וויסנשאַפטלעכע באַטראַכטונגען.

אין צוזאַמענהאַנג אָבער מיט דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די עברים, נאָך אַ גרינטלעכן „יידישלעכן“ פאָרשן פון תנך, געפינען מיר דאָך אַ מעגלעכקייט אויפצושטעלן דעם כאַראַקטער פון די ביבלישע העלדן, אויב אַפילו די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועלן זיין מער פון „דיכטערישער“ נאַטור, ווי פון היסטאָרישער.

אין דעם בוך וועלן מיר מאַכן אַ פּרווו צו כאַראַקטעריזירן:

1) די פּערזאָן פון יוספן, אַרום וועלכן דער תנך און די שפּעטערדיקע שאַפונגען האָבן אויסגעפלאָכטן אַ נעץ פון דראַמאַטישע פּאַסירונגען. יוסף האָט צו זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון ראָמאַניסטן, דראַמאַטורגן, פּסיכאָלאָגן, היסטאָריקער פון אַלע פעלקער און צייטן.

2) משה רבנו. די איינציקע באמת מאָנומענטאַלע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע, וואָס האָט געפורעמט אין משך פון טויזנ-

מער יאָרן ניט נאָר דאָס לעבן פון יידישן פאָלק, נאָר אויך פון אַנדערע פעלקער, איז צוליב פאַרשיידענע סיבות ביז היינט נים גענוג באַארבעט און געלערנט געוואָרן. באַזונדערש איז אָפּגע־שטאַנען אין דעם פּרט די יידישע ליטעראַטור.

און 3) „דער קראַנקער מלך“. דאָס איז די טראַגישע פיגור פון ערשטן יידישן מלך, פון שאולן. דער אונטערשייד צווישן איינפאַכן לעבן פון א פויער און רייכן קאָמפּליצירטן לעבן פון אַ מלך איז געווען צו גרויס, און דאָס האָט צעבראָכן דעם האַרציקן מענטשן און גרויסן העלד. די טראַגעדיע פון שאולן איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט נישט צוועקמעסיק אויסגענוצט זיינע כחות אויף צו קעמפן מיט די שוועריקייטן, וואָס דער גורל האָט אים אַרויסגעשטעלט. ער האָט די שוועריקייטן קאָנצענ־טרירט אין איינענעם באַוווסטזיין און אַזוי אַרום זיי פאַרשטאַרקט און פאַרמערט און מיט דעם זיך אַליין אָפּגעשוואַכט.

די אַלע דריי העלדישע פיגורן לייכטן אַרויס צו אונדז נאָך אין באַגינען פון אונדזער געשיכטע.


יוסף

# דער סובלימירטער מענטש אין תנך

.1

דער קאָנפליקט פון יוספן מיט זיינע ברידער איז אַ צוויי־אַרטיקער: אַ סאָציאַלער און אַ פּערזענלעכער. דער סאָציאַלער קאָנפליקט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס יוסף ברידער האָבן זיך פּאַרנומען מיט פּיצוכט, און יוסף האָט געשטרעבט צו אַ העכערער קולטור, צו ערדאַרבעט. די ברידער זיינען געווען פּאַס־טעכער, וואָס האָבן אָפט פּאַרזוכט אַן אבר מן החי, אַ שטיק רויע פליישׁ, און יוסף האָט געפלעגט געוויקסן, בלומען, ביימער און זיך געהאַלטן אָן די עטיש־רעליגיעזע מנהגים, וואָס זיינען געווען איינגעוואָרצלט אין אברהמס משפחה. יוסף איז געווען געבילדעט, פּאַרשטאַנען כאַלדעיש, געווען דורכגעדרונגען מיט די מיטן פון כאַלדעישן לבנה־קולט, געוווסט אויך פון מצרישן זונען־קולט. די ברידער אָבער זיינען געווען פּאַרגרעבטע פּאַסטעכער, פרעמד פון וועלכער עס איז גייסטיקייט. איין יהודה האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין קראַפט און זעלבסטבאַוווסטזיין, און אויך ער האָט זיך באַצויגן מיט פּאַראַכטונג צום טרוימערישן יינגל.

אין פּאַרגלייך מיט פּיצוכט, האָט ערדאַרבעט זיך יוספן גע־מאָלט אין די העלסטע פּאַרבן. ווי שיין זיינען די געוויקסן, פריער, ווען זיי זיינען נאָך גרין, און שפּעטער, ווען זיי ווערן געלבלעך פון דער זון! מען שניידט און מען בינדט זיי אין גאַרבן. און די פרוכט־ביימער, ווי זיי שטייען באַלאָדן מיט זיי־ערע רייפע פּירות און מיט זייער שאָטן גיבן זיי רו און קראַפט! יוסף האָט זיך טאַקע פּאַרפלאַנצט עטלעכע פּאַלמען, איילבערט־ביימער און וויינשטאָקן אַרום יעקבס געצעלט. אַן אַלעע פון ציפּאַריסן האָט באַשיצט דעם אַלטן פּאָטער און דעם קליינעם בנימינען פון היץ. די פלאַנצן האָבן געשאַפן אַ פּאַרטיידיקונג

קעגן ווינט, ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן פון מדבר אַ באַרג מיט זאַמד און געדרויט צו פאַרשיטן דעם געצעלט מיט די שאָף צו־זאַמען. אויך די פעלענע קליידער פון די ברידער, פון וועלכע עס האָט געשלאָגן אַ היץ געמישט מיט שוויס, זיינען ניט גע־פעלן געוועזן יוספן. ווי אָנגענעם און ווייך פאַרן לייב זיינען געווען די געוויקס־קליידער, וואָס מען האָט פאַרשטאַנען אויסצואַרבעטן אין יעקבס הויז. די מלאכה איז איבערגעגאַנגען בירושה פון הגר דער מיצריטע. די כתונת־פסים, דאָס זיידן העמדל, איז געווען שיין און קיל אין פאַרגלייך מיט דער גראָבער הייסער פעל פון די ציגן.

נאָך וויכטיקער איז, וואָס ערדאַרבעט שטעלט אויף די יושר־דיקע באַציונג צווישן מענטשן. די ערד צום באַאַרבעטן איז פריי, עס ווענדט זיך נאָר אָן מענטשנס פראַצע: אַרבעטסטו מער, האָסטו מער. עס איז ניט די שאָף־רייכקייט, ווו דער האַר האַלט באַסטעכער און זיי פיטערן די שאָף. ניין, ערדאַרבעט איז נאָר אָן אַנדער ווירטשאַפט. טאָג און נאַכט האָט יוסף געטרוימט וועגן דער נייער ווירטשאַפט, ווען די גאַנצע משפחה, גאַנץ כנען און אויך מצרים וועלן ווערן אַן אַנדער וועלט. אין מצרים, ווו דער יאור באַפרוכפערט די ערד, איז שוין לאַנג דאָ די פעלד־ און בוימער־ווירטשאַפט. דאָרטן דינט מען צו דער זון, וואָס גיט פאַר די פלאַנצן לעבן און פרוכטבאַרקייט. און יוספן חלומט זיך וועגן גאַרבן. זיין גאַרב איז העכער, שענער ווי אַנדערע. דאָס איז דער געביט, ווו דעם מענטשנס פאַרשריט, זיין אַרבעט, זיינע פעיקייטן קענען זיך אויסטיילן. מיט דער גאַנצער קראַפט פון אַ יונגער שיינער נשמה האָט זיך יוסף אָפּגעגעבן די טרוימען. ער מוז זיך אַרויסרייסן פון דער סביבה, וואָס איז פאַרגרעבט פון שנאה און תאווה. ער וועט דערגרייכן צו אַ נייער גליק־לעכער געזעלשאַפט. טעג און נעכט איז ער אַרומגעגאַנגען, ווי אין הינערפּלעט, ווי ניט פון דער וועלט; מען האָט אים ניט געקאָנט צוטרייבן צו פיטערן די שאָף. און די ברידער האָבן נאָך מער פיינט געקראָגן דעם „בעל־החלומות“, דעם פאַנטאַזיאָר, דעם ליידיקגייער, וואָס באַצייט זיך נאָך צו זיי מיט פאַראַכטונג.

ער, דער ייִנגערער אין משפּחה, לאָזט זיך גאָר ווילגיין, גייט ניט אין פעלד.

אָבער אויסער די „אָביעקטיווע“ סיבות, האָבן די ברידער געהאַט וויכטיקע משפּחה־אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן זיי באַאומ־רויקט, געוועקט זייער קנאה און שנאה קעגן יוספן.

יוסף איז געווען רחלס עלטערער געליבטער זון, און דער פּאַטריאַרך יעקב האָט אַריבערגעטראָגן זיין ליבע פון רחלען צו איר זון יוספן. און די ברידער האָבן די קנאה פון זייער מוטער לאה צו איר שוועסטער רחל אַריבערגעטראָגן צו איר געליבטן זון. דאָס האָט זיך שוין אַזוי איינגעוואָרצלט אין דער משפּחה. רחל איז געווען אויסגעטיילט פון די ווייבער; ביי איר פלעגט יעקב פאַרברענגען אַלע נעכט, און נאָר רחל אַליין פלעגט אים אַמאָל פאַר אַ טייער געשאַנק, פאַר ליבע־פּלאַנצונגען — דודאים — איבערגעבן לאהן. לאַנגע קינדערלאָזע יאָרן האָבן פאַרויס באַשטימט די ליידנשאַפטלעכע ליבע פון רחלען צו איר ערשטן זון יוספן. זי האָט אים געהאָדעוועט באַזונדער, אין איר געזעל־שאַפט און אין דער געזעלשאַפט פון זיין פאָטער, פאַר וועמען ער איז געווען אַ בן־זקונים, אַ מיזיניק. דער באַוווסטזיין פון רחלען, אַז איז די געליבטסטע, האָט זיך אַריבער־געטראָגן און איינגעוואָרצלט אויך ביי איר זון. יוסף איז אַרומגעגאַנגען אויף דער וועלט מיט דער פאָרשטעלונג, אַז אַלע האָבן אים ליב און טייער, און אַז ער איז עס ווערט. ער האָט געהאַט דערצו אויך אינערלעכע מאָטיוון; יוסף איז געווען פעיק, אַלץ לייכט און פיין באַנומען, געטראָגן אין זיך אַ נייע וועלט און, אויסערדעם, איז ער געווען וווּנדערבאַר שיין. אַזוי האָט ער מיט זיין אויס־פערלעכער און אינערלעכער פערזענלעכקייט פון קינדווייז אָן זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַרומיקע קינדער.

אין דער פּאַטריאַרכאַלער משפּחה איז דער בכור געווען דער פאַרטרעטער פון פאָטער. ער האָט געהאַט נאָך בעתן פאָטערס לעבן געוויסע רעכט אויף די ייִנגערע ברידער, רעכט פון פּאַטריאַרך אין זיין אָפּוועזנהייט. און אָט, מיט די בכורה־רעכט פון עלטערן ברודער, איז אין אברהמס משפּחה געווען ניט „אין אָרדענונג“.

עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ פּרימאַט, ניט פון ערשט-געבוי-רענעם, נאָר פון „געוואָרענעם", פון פּאַסנדסטן, פון פעיקסטן. אַ גרויסע ראָליע האָבן דערביי געשפּילט די פרויען, די מוטערס. זיי האָבן אויסגעאיבט אַ דרוק אויפן פּאַטריאַרך לטובת זייער ליבלינג. אַזוי איז געווען ביי אברהמען, ווען שרה האָט מיט איר באַפעלערישן טאָן איבערגעגעבן די בכורה יצחקן, אַנשטאָט דעם עלטערן ישמעאלן. דער העכסטער אוטאָריטעט פון אלהים איז גענומען געוואָרן צוהילף: „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה כי ביצחק יקרא לך זרע" — אַלץ, וואָס שרה זאָגט דיר, הער זיך איין צו איר קול, וואָרום אויף יצחקן וועט גערופן ווערן דיין נאָמען (בראשית כ"א, 12).

ביי יצחקן אין שטוב טראָגט זיך ווידער אַריבער די בכורה-שאַפט פון ערשטלינג פון עשון צו יעקבן, און ווידער שפּילט דאָ אַ ראָלע די מוטער רבקה מיט איר שטילן ליבלינג יעקבן, הגםביידע קינדער זיינען אירע. צווישן די ברידער גופא אַפילו קומט פאָר אַן אָפּמאַך, אַן אויסבייט; דער היציקער ליידנשאַפטלעכער עשו האָט אין אַ מאָמענט פון נויט, פון הונגער, פאַרקויפט די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן. דערנאָך האָט עס אים פאַרדראָסן און אין האַרצן האָט ער געטראָגן אַ שנאה אויפן ליסטיקן יעקבן. שפּעטער, ווען יעקב נאַרט אוים ביי אים דעם טאַטנס ברכה (פאַרדעכטיק איז די ענלעכקייט פון די קלאַנגען ברכה און בכורה), זאָגט עשו: ויעקבני זה פּעמים את בכרתי לקח והנה עתה לקח ברכתי" — מיין בכורה האָט ער צוגענומען און אַט האָט ער אַצינד צוגענומען מיין ברכה (בראשית כ"ז, 26).

ביי יעקבן חזרט זיך ווידער אַמאָל איבער די מחלקה איבער דער בכורה. יאָרנלאַנג איז געווען ראובן דער אומ-באַשטרייטלעכער קאַנדידאַט אויפן בכור, ווי דער אמתער ערשט-לינג. נאָר מיטן געבוירן פון יוסף איז אויפגעשווומען אַ פראַגע. ראובן איז טאַקע אַ בכור, אָבער נאָר לאהס בכור, און איצט האָט די געליבטע פרוי רחל אויך אַ בכור, און דאָס איז יוסף. ער איז נאָך קליין, די פראַגע איז ניט אַקטועל, אָבער יעקב טראַכט וועגן דעם. און ווען עס האָט געטראָפן די געשיכטע

מיט בלההן, ווו ראובן האָט געוואָלט צואײַלן די געשעעענישן, פּיקסירן פאַר זיך די פּאַטריאַרכן־רעכט אויפן פּאָטערס דינסט־פּרוי, האָט דער אַלטער יעקב דאָס שפּעטער אויסגענוצט צום שאָדן פון ראובנען. און פאָרן טויט, אין אַן אַנטשיידענעם מאָ־מענט, אין דער װונדערבאַרער דיכטערישער צוואה, זאָגט יעקב:

ראובן בכורי אתה — ראובן, מיין בכור ביסטו
כחי וראשית אני — מיין כח און מיין ערשטע קראַפט,
יתר שאת — די פּער פון גרויסקייט
ויתר עז — און די פּער פון מאַכט,
פחז כמים — ביסט איילֿיק ווי וואַסער,
אל תותר — זאָלסטו די פּער ניט זיין,
כי עלית משכבי אביך — ווייל דו ביסט אויף דיין פּאָטערס געלעגער אַרויף.

אָבער אויסער דער מוטערס סימפּאַטיע האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע די פעיקייט פון קינד. אין אברהמס משפחה האָט זיך גע־פירט אַ טראַדיציע פון לערנען קינדער. פאַר יצחקן האָט אברהם געהאַלטן אליעזרן, — אַ געטלעכן געהילף, — אַ געלערנטן מענטשן פון בבל. אַזאַ הילף האָט זיך פּראַקטיקירט אויך שפּע־טער אין אברהמס משפחה. אַלע קינדער אָבער אַזוי לערנען און דערציען האָט מען ניט געקאָנט. האָט מען עס געטאָן מיטן פעיקערן און געליבטסטן. און ער איז געוואָרן דער קאַנדידאַט אויפן בכור, דער „פּאַרטיקער“, דער רייפער. מען האָט אַזוי אויסגעבילדעט דעם אינערלעכן זעלבסטבאַוווסטזיין פון בכור, זיין זיך אָנערקענען. יוספס חלומות, ווו מען בוקט זיך פאַר אים, זיי־נען געווען ניט אומשולדיקע קינדערשע חלומות, נאָר אַן אויס־דרוק פון זיין אינערלעכן שטרעבן און באַוווסטזיין. אַזוי האָבן דאָס אויך אויפגעפאַסט די ברידער און אויך דער פּאָטער. נאָכן כלומרשטן אָנשרייען, האָט ער עס שטאַרק אַריינגענומען אין זינען. „ויקנאו בו אחיו ואביו שמר את הדבר“ — און די קינ־דער האָבן אים מקנא געווען, אָבער זיין פּאָטער האָט די זאַך געהאַלטן אין זינען (בראשית ל"ז, 11). ראובן אָבער איז געווען אַ באַשיידענער, באַגרעניצטער מענטש מיט ניט קיין פעסטן ווילן

און האָט אין קיין פאַל זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיטן אויסער־לעך־ און אינערלעך־שיינעם און געבילדעטן יוספן. אַזוי איז גע־וואַקסן די באַהאַלטענע מורא פון די ברידער, אַז יוסף וועט צו־נעמען די בכורה ביי ראובנען. דער זון פון רחלען וועט צונעמען די פערשאַפט ביי לאהס זון, אַזוי ווי זיין מוטער רחל האָט צו־גענומען דעם פאָטערס ליבע פון זייער מוטער לאהן.

.2

דער מענטש, זיין כאַראַקטער ווייזט זיך אַרויס אין מאָמענטן פון אומגליק: ווי אַזוי וועט דער מענטש באַקעמפן די שוועריקייטן, ווי גרויס און ווי שטאַנדהאַפט איז זיין „איך“? ווי וועט ער זיך אַריינפּאַסן אין דער נייער לאַגע, אָדער, ריכטיקער, ווי וועט ער די נייע לאַגע צופּאַסן צו זיך? אָט דעם עקזאַמען האָט יוסף גלענצנד אויסגעהאַלטן. ער, וואָס איז געווען אַרומ־גערינגלט די יוגנט־יאָרן מיט דער צערטלעכער ליבע פון אַ מו־טער און דערנאָך פון פאָטריאַרך, האָט זיך ניט פאַרלאָרן ביי די פרעמדע, שלעכטע און קאַלטע באַציונגען פון די אַריסטאָקראַ־טישע מצרים צו אַ שקלאַף פון חתים־לאַנד, צו אַ מענטשן פון אַ נידעריקערער ראַסע. ער, דער טרוימער, דער שטענדיק גע־ליבטער, איז ניט אַריינגעפאַלן אין יאוש, ווען ער האָט זיך פּלוצ־לונג באַגעגנט מיט דער בייזער קאַלטער ווירקלעכקייט. אָט די ווירקלעכקייט האָט גאָר ניט געשאַנעוועט יוספן. מיט אָפענע אויגן האָט ער געקוקט דעם טויט אין פּנים אַריין, געלעגן אין גרוב, פאַרקויפט געוואָרן צו מענטשן־הענדלער און אַריינגעפאַלן ווי אַ שקלאַף צום שר הטבחים, צו פּוטיפרן. און אומעטום האָט ער איינגעהיט זיין „איך“, זיין גרויסע אינערלעכע מאָראַלישע שטאַרקייט. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט ניט אונטער־צופאַלן די באַדינגונגען, נאָר זיי באַהערשן, זיי אונטערצוואַרפן. אין דער פרעמד איז ער געוואָרן אַן אייגענער, פון אַ שקלאַף, — האָט ער פאַרנומען די לאַגע פון אַ באַלעבאָס. די גאַנצע ווירטשאַפט איז אים איבערגעגעבן געוואָרן, אַלץ, וואָס ער טוט, באַגליקט

אים; זיין טרוים, זיין אידעאַל אין דער אַרבעט, זיין טרייקייט האָט ער מיט זיך אומעטום מיטגעשטראָגן. אומעטום האָט ער פאַרווירקלעכט דעם געדאַנק פון בעסער מאַכן דאָס אַרומיקע אין לעבן, און פוטיפר האָט באַלד דערפילט, אַז זיין הויז געפינט זיך אין זיכערע גליקלעכע הענט.

און דאָ האָט זיך געטראָפן די געשיכטע מיט פוטיפרס פרוי, מיט דער הייסער ליבע פון דער מצרישער האַרנטע צו איר עברישן שיינעם און געראָטענעם שקלאַף. און יוסף האָט זיך ניט געלאָזן אויף דעם גלימשיקן וועג. ניט זי, פוטיפרס פרוי, נאָר ער, דער פרעמדער, האָט ניט געוואָלט פאַרראַטן, — ער קען ניט מיסברויכן מיטן צוטרוי, וואָס אַ מענטש האָט אים געשאָנקען. אַזוי האָט מאָטיווירט יוסף זיין אָפּזאָג פון דער ליבע. „זע, מיין האַר ווייס ניט נעבן מיר, וואָס אין הויז טוט זיך, און אַלץ, וואָס ער האָט, האָט ער איבערגעגעבן אין מיין האַנט; ער איז אין דער דאָזיקער הויז ניט גרעסער פון מיר, און ער האָט ניט פאַרמיטן פון מיר קיין זאַך, נאָר בלויז דיך, ווייל דו ביזט זיין ווייב. היינט, ווי קען איך טאָן דאָס דאָזיקע גרויסע בייז און זינדיקן צו גאָט?“ איר האָט דאָ אַ גאַנץ נייע עטיש-געזעלשאַפטלעכע באַציונג צום מענטשן, צו דער פרוי.

אָבער די שיינע עגיפטערין, די דינערין פון תור (די געטין פון ליבע אין עגיפּטן), אין דורשט פון איר לייב נאָכן שיינעם יוספן, וויל ניט ויסן פון עטישע מאָמענטן. און ווען עס העלפן ניט אירע עראָטישע רייד, איר חנדלען, פּרוווט זי איינפאַך מיט געוואַלט באַצווינגען יוספן. אָבער אויך דאָ געפינט אין זיך יוסף גענוג מאָראַלישע און פיזישע קראַפט, כדי אַרויסצורייסן זיך פון אירע שיינע, פעסטע און הייסע אָרעמס. אינטערעסאַנט, ווי די פרוי האָט שפּעטער פאַרגעשטעלט די זאַך פאַר די אַרומיקע. אַזוי צו זאָגן, באַאַרבעט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. זי האָט זיך געקלאָגט אויף איר מאַן: „ראו הביא לנו איש עברי לצחק בנו“ — זעט, ער האָט געבראַכט צו אונז אַ מאַן אַן עברי, צו שפּאָטן אָן אונז. — יוסף, הייסט עס, דער עברי, האָט געוואָלט באַליידיקן ניט נאָר זי, נאָר די גאַנצע הויכע ראַסע פון די

מצרים. און באמת, ער, אַן עברי, זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ שיינער עגיפּטערין, — איז עס דען ניט אַ באַליידיקונג פאַר דער גאַנצער ראַסע?..

און ווייטער ליגט יוסף אין גרוב.

עס איז שוין דער גורל פון סובלימירטן מענטש ניט צו שטיין אויף איין פלאַך מיט די איבעריקע. דער אַלגעמיינער גיוואָ פאַר־טראָגט אים ניט, אָדער ער קומט אויס מיט אַ קאָפּ העכער פון די אַרומיקע, אָדער זיי וואַרפן אים טיף אין גרוב, זיי זאָלן זיך קענען שטעלן איבער אים. אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיט יוספן. דעם צווייטן מאָל, ווי ער איז שוין אין זיין יונגן לעבן געוואָרפן אין גרוב פון דער הויך, וווּ ער האָט זיך געהאַט אַרופגעהויבן איבער מענטשן און איבער זיך. און אויך דאָ, אין דער צוויי־טער גרוב, אין דער מצרישער תפיסה, צווישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, טיילט זיך אויס יוסף מיט זיין פּערזענלעכקייט, מיט זיין דערפּאָלג. און אויך דאָ, איז אַלץ, פאַר וואָס ער נעמט זיך, גליקט אים, און עס גליקט דער זאַך. עס איז עפּעס געווען אין יוספס פּערזענלעכקייט אַזוינס, וואָס האָט באַהערשט מענטשן, וואָס האָט זיי אונטערגעקויפט. און אַלץ איינס, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער איז ניט געווען, ווי טיף דער שיקזאַל האָט אים ניט געשליידערט, איז ער תמיד אַרויסגעשוואומען מיט זיין אויסטערלישקייט און עטישער פעסטקייט, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך. פון אַ שקלאַף ביי פּוטיפרן, איז ער געוואָרן אַ באַלע־באָס. פון אַן אַרעסטירטן איז ער געוואָרן אַן אויפזעער. ער איז שטענדיק שעפעריש, קיינמאָל זיך ניט אונטערגעגעבן דער לאַגע, נאָר, פאַרקערט, די לאַגע אונטערגעוואָרפן זיין „איך“.

„און דער האַר פון געפענקעניש האָט איבערגעגעבן אויף דער האַנט פון יוספן אַלע געפאַנגענע, וואָס אין געפענקעניש, און אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געטאָן, האָט ער אויפגעטאָן. דער האַר פון געפענקעניש האָט ניט נאָכגעקוקט קיין שום זאַך אונטער זיין האַנט, ווייל גאָט איז געווען מיט אים; און וואָס ער האָט געטאָן, האָט אים באַגליקט (בראשית ל"ט, 22—23).

מיט יוספן אין תפיסה האָבן זיך געפונען צוויי אַרעסטירטע הויכגעשטעלטע דינער פון פּרעהן, דער שר המשקים און שר האופים, דער אויבער־טראַנקמייסטער און דער אויבער־בעקער. אין דער פינצטערער ־רוב, ביינאַכט, חלומט זיך זיי ביידן אַ חלום. און אינדערפרי שטייען זיי אויף אין צאָרן און אין טרויער, וואָרום ניטאָ, ווער זאָל זיי פּותר חלום זיין. די זעונג פון ביינאַכט שטיקט זיי אינדערפרי; זיי זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, און ווען יוסף דערוויסט זיך די סיבה פון זייער אומעט, בעט ער דערציילן אים דעם חלום: „פּתרונים זיינען דאָך צו גאָט — דערציילט מיר, איך בעט אייך.“ אויבנאויפיק קען זיך אויס־רוכטן, אַז יוסף האָט צופעליק געטראָפן דעם פּתרון פון די חלו־מות, אַז בכל אופן, מיט זיין פּערזענלעכקייט האָט עס ניט צו טאָן. דערמאָנען מיר זיך אָבער, אַז יוסף אַליין איז געווען אַ טרוימער, אַ מענטש, ביי וועמען אין חלום האָבן זיך אויסגעדריקט זיינע טיפסטע פאַרלאַנגען, ווונטשן, האָפענונגען, דערמאָנען מיר זיך, אַז ביז היינט האָבן מיר נאָך ניט קיין אַנדערן פעסטן גרונט פאַר פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען, ווי די אייגענע געדאַנקען און געפילן, — ווערט פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי יוסף האָט געקאָנט ריכטיק און גאָר ניט צופעליק פּותר חלום זיין.

דאָס פּותר חלום זיין איז ביי אים געווען ניט אַזאַ שפּרונג, וואָס זאָל באַשטימען די צוקונפט, ווי דאָס האָבן געטראַכט און געטאָן די מכשפים, חרטומים און אַנדערע פּותר־חלומניקעס. ביי יוספן איז דער חלום געווען אַן אויסדרוק פון פאַרבאַהאַלטענע ווונטשן און פאַרלאַנגען, און זיין אויפגאַבע איז געווען צופּאַסן די אינערלעכע שטרעבונגען מיט די אויסערלעכע פאַרהעלטענישן און באַדינגונגען; אָפּשאַצן, ווי ווייט און ווי אַזוי וועלן זיך די ווונטשן קענען פאַרווירקלעכן. יוספס מעטאָד איז באַשטאַנען אין באַשטימען דעם אינערלעכן צושטאַנד פון טרוימער און גע־פינען די אָביעקטיווע אויסזיכטן פאַרן פאַרווירקלעכן דעם טרוים.

אויף יוספס פאָרלייג אים צו דערציילן די חלומות האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער דער שר המשקים. דער שר האופים

איז געבליבן פאַרטרויערט און איינגעהאַלטן. דער שר המשקים אָבער האָט אַרויסגעוויזן אָפּנהאַרציקייט און צופאַרטרוילעכקייט. אין זיין חלום הערן מיר אַרויס טריישאַפט און ליבע צו פּרעהן, איבערגעבנקייט צו זיין באַרוף, לייכטקייט פון געמיט. אַ וויינשטאָק מיט דריי צווייגן האַלט אין רעכטן בליען, רייפע צייטיקע וויינטרויבן הענגען אויף די צווייגן און וואַרטן, מען זאָל זיי אַראָפּנעמען, אויסנוצן זייער געשמאַקן וויין; און ער, דער שר המשקים, נעמט די וויינטרויבן און קוועטשט אויס דעם וויין גלייך אין פּרעהס בעכער. און דעם בעכער מיט דעם וויין דערלאַנגט ער אין פּרעהס האַנט. דאָ לאָזט זיך זען, אַז דער אינערלעכער ווונטש פון שר המשקים איז ווייטער דינען פּרעהן, „שטיין" פאַר אים, אַרויסקוועטשן דעם וויין פון די וויינטרויבן אין פּרעהס בעכער און אים דערלאַנגען אין האַנט אַריין. יוסף האָט געקאָנט אַזוי פאַרשטיין, אַז אויב דער שר המשקים געפינט זיך איצט אין גרוב און ווערט באַשולדיקט אין אַ פאַרברעכן קעגן פּרעהן, איז דאָס אָדער אַ טעות אָדער אַ צופאַל. דער אמת אָבער וועט אַרויסשווימען און פּרעה וועט צו זיך אומקערן זיין טרייען דינער. דער מענטש וועט זיך דערשלאָגן צוריק צו זיין באַרוף. אין דעם זינען האָט יוסף אים פּותר חלום געווען. יוסף האָט דאָ אויך איינגעזען אַן ענלעכקייט צו זיין גורל, צו זיין אומשולדיקן ליידן. און ער בעט דעם שר המשקים דערמאָנען די ענלעכקייט פון דער לאַגע און אים אַרויסציען פון גרוב.

נאָר איצט, ווען דער שר האופים האָט דערזען דעם גוטן אויסגאַנג פון יוספס פּותר חלום זיין, האָט ער באַשלאָסן צו דערציילן אויך זיין חלום. „האָט דער אויבערבעקער דערזען, אַז ער האָט צום גוטן פּותר געווען", האָט ער דערציילט אויך זיין שווער האַרץ. דער כאַראַקטער אָבער פון זיין חלום, נישט קוקנדיק אויף זייער אויסערלעכער ענלעכקייט, איז אַן אַנדערער. דער שר האופים שטייט ניט פאַר פּרעהן. ער האָט מורא מיט אים צו טרעפן זיך פּנים אל פּנים, זיין געמיט איז געבונדן, געהאַמעוועט, עפּעס פרעסט אים, דעם אויבערבעקער. דריי געפלאָכטענע קערב טראָגט ער אויפן קאָפּ. און אין דער אויבערשטער קאָרב

גענפּינט זיך פּרעהס עסנוואַרג. די פּייגלען פּיקן פון קאָרב, פּיקן אים אין קאָפּ, עפּעס דריקט און צופּט דעם מאַרך פון דעם אויבערבעקער. ער האָט אַ שולד אויף זיין געוויסן און קען זיך ניט באַפרייען פון אים. (אין אַלטן עגיפּטן זיינען פּייגלען, און ספּעציעל דאָס פּיקן פון פּייגלען געווען אַ סימן פון טויט, פון אומגליק). טרויעריקע, דריקנדיקע מיראזשן האָבן זיך געטראָגן דורך דעם אויבערבעקערס באַוווסטזיין. ער איז עפּעס שולדיק, און ווען מען וועט זיך פונאַנדערקלייבן אין זיין ענין, וועט ער מוזן באַשטראָפט ווערן. און אין דעם גייסט האָט יוסף אים פּותר חלום געווען. אינטערעסאַנט, אַז די אידישע שפּעטערדיקע שאַפונג האָט אויך אויף אַן ענלעכן אופן אויפגעפּאַסט די זינד פון שר המשקים און שר האופים. ביים שר המשקים — דערציילט די מסורה — איז אַ פליג אַריינגעפלויגן אין וויינבעכער. דאָס איז אַ צופאַל, וואָס מען דאַרף מוחל זיין. ביים שר האופים אָבער, האָט מען געפונען אַ שפּאָן אין די געבעק, דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אָפּגעלאָזנקייט אָדער פאַרברעכן, און דער שר האופים האָט געמוזט באַצאָלן דערפאַר מיטן לעבן.

אָבער אין אַלטן מצרים איז, קענטיק, די מענטשנס דאַנקבאַרקייט געווען ניט בעסער, ווי ביי אונז, און דער שר המשקים האָט פאַרגעסן יוספן אַזוי גיך, ווי עס האָט זיך הינטער אים צוגעמאַכט די שווערע טיר פון תפיסה.

און אָט קומט דער באַקאַנטער חלום ביי פּרעהן. ניט די הרטומים, ניט די מכשפים, ניט די שטערנזעער, ניט די כוהנים האָבן ניט געקאָנט פּרעהן פּותר חלום זיין. ער, פּרעה, פּילט אין זיין חלום עפּעס וויכטיקעס פאַרן לאַנד. זיי אַלע אָבער ריידן וועגן אַנדערע מינדערווערטיקע זאַכן. פּרעה ווערט אויפגערודערט, און דעמאָלט דערמאָנט זיך דער שר המשקים אָן יוספן.

אינטערעסאַנט, ווי דער הערלעכער קינסטלער פון דער געשיכטע מיט יוספן גיט איבער פּרעהס חלום. צוויי מאָל דערציילט ער עס. דעם ערשטן מאָל, אַז די געשיכטע האָט געטראָפן, דעם צווייטן מאָל דורך פּרעהס מויל פאַר יוספן, כדי ער זאָל אים

פּותר חלום זיין. דאָס איז ניט די געוויינלעכע עפּישע איבער־חזרונג. דאָרט דערציילט מען דעם צווייטן מאָל ווייניקער, ווי דעם ערשטן. איינצלהייטן ווערן דורכגעלאָזן. דאָ האָבן מיר אַ פאַרקערטן פאַל. דעם צווייטן מאָל — פאַר יוספן — דערציילט פּרעה נייע פּרטים. דאָס זיינען אַזוינע, וואָס כאַראַקטעריזירן זיין, פּרעהס, רעאַגירן אויף די חלומות, אויף די נאַכטיקע זעונ־גען. אַזוי ביים באַשרייבן די מאָגערע קי, גיט צו פּרעה פאַר יוספן, אַז אַזאַ מאָגערקייט און מיאוסקייט האָט ער נאָך ניט געזען אין מצרים. בעת די מאָגערע קי שלינגען איין די פעטע, גיט צו פּרעה דעם צווייטן מאָל, אַז דאָס איינשלינגען האָט ניט געהאַט קיין שום רעזולטאַט, ביי די מאָגערע קי איז געבליבן די זעלביקע מאָגערקייט און מיאוסקייט, ווי געווען. פאַר יוספן איז אַלזאָ געשטאַנען אַ הערשער פון אַ גרויסן זונען־לאַנד, פון אַ טייכן־לאַנד, וווּ פלאַנצונגען דערנערן די באַפעלקערונג, און ערד־אַרבעט איז די הויפּט־פּרנסה, און קיין רעגן גייט ניט. די לאַנד ווערט ניט נאָר באַשטראַלט פון דער זון, נאָר ווערט אויך צע־פּריקנט פון דער זון און פאַרטרונקען פון טייך. הונגער און זאַט־קייט בייטן זיך. ניט נאָר די באַפעלקערונג פון מצרים, נאָר אויך פון די אַרומיקע לענדער, איז אָנגעוויזן אויף דער גערעטעניש אין מצרים. און דער גורל פון דער דאָזיקער לאַנד לאָזט ניט רויק שלאָפן איר הערשער, איר גאָט. אים מאָלן זיך בילדער פון פעטע, גוט אָפּגעפּאַשעטע פי און פון מאָגערע הונגעריקע קי, וואָס קענען זייער הונגער ניט שטילן; זאַנגען פולע און צייטיקע און פּוסטע, אויסגעקלאַפּטע פון מזרח־ווינט, פאַרשאָטענע פון זאַמד פון מדבר. און שרעקלעך איז דער הונגער און מאָגערקייט: די מאָגערע קי האָבן אויפגעגעסן די פעטע אָן אַ שפּור פון זאַט ווערן און שטילן דעם הונגער.

מען דאַרף זיין אייגנליביק ווי אַ מצרישער כוהן, פאַרטראַכט אין די הימלען ווי אַ מכשף, ניט צו זען אין דעם חלום עפּעס געזעלשאַפטלעכעס, וואָס איז נוגע דער גאַנצער לאַנד. די כוהנים און מכשפים זיינען געשטאַנען נידעריקער ווי פּרעה. זיי האָבן תמיד געטראַכט וועגן אייגננוצן און ניט וועגן דער לאַנד. און

דעריבער האָבן זיי אין דעם פאַל ניט געקאָנט ריכטיק פּותר חלום זיין. ער, פּרעה, איז געווען העכער פון זיינע יועצים. ער האָט זיך אויפגעהויבן איבער די פּערזענלעכע אינטערעסן. ער, דער הערשער און גאָט פון לאַנד איז געווען אָפּטמאָל באמת באַזאָרגט מיטן גורל פון לאַנד. און עס האָט געמוזט קומען דער טרוימער, וואָס טראָגט אין זיך געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, כדי צו פאַר־שטיין פּרעהס טרוים. עס האָט געמוזט קומען אַ מענטש פון כנען, וואָס האָט אָבער אין זיך איינגעזאַפּט אויך די פרעמדע מצרישע קולטור, כדי צו דערזען די אייגנשאַפטן און די נזימן פון לאַנד מצרים.

און פּרעה קלאָגט זיך פאַר יוספן: „איך האָב דערציילט די חרטומים, אָבער קיינער קען מיר ניט זאָגן.“ און נאָר יוסף האָט צוגעטראָפן פּרעהן. זיינע רייד זיינען אים טיף אַריינגעפאַלן אין זינען. „און די זאַך איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון פּרעהן.“ יוסף איז ניט נאָר פּותר פּרעהס חלום, נאָר ער קומט מיט אַ ווירטשאַפטלעכן פּלאַן צו ראַטעווען מצרים און די אַרומיקע לענ־דער פון אַ כראָנישן הונגער. זיין פּראָיעקט באַשטייט אייגנטלעך אין אַריינפירן אַ ראַציאָנעלע ווירטשאַפט אין לאַנד. דער הויפּט־אונטערשייד פון פּרימיטיוון ביזן קולטורעלן ווירטשאַפטן באַ־שטייט אין דעם, וואָס דער קולטורעלער מענטש אָדער פאָלק ווייס און פאַרשטייט צו מאַכן רעזערוון, אָפּלייגן אויף שפּעטער. דער ווילדער מענטש אָדער שבט כאַפּט אַ חיה, הרגעט זי, פרעסט זיך אָן מיט אירע פלייש, ביז די פעטס רינט אים פון מויל, פאַלט אין אָנמאַכט אויפן זון, און ליגט ביז דער הונגער הייבט אים ווידער אויף, און ער גייט פונדאָסניי זוכן וואַסער צום טרינקען און שפּייז צום עסן. די קולטורעלע ווירטשאַפט אָבער פאַרשטיי אויפצוהאַלטן דאָס איבערגעבליבענע, אָנ־קלייבן גרויסע רעזערוון אויף אַ לענגערע צייט. אָט אין דעם איז באַשטאַנען יוספס ווירטשאַפטלעכער פּראָיעקט צו ראַטעווען מצרים. אין די זיבן זאַטע יאָרן מוז אויפגעקליבן ווערן די תבואה אין ספּעציעלע רעגירונגס־שפּייכלער. דאָ קען מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער פּריוואַטער איניציאַטיוו. ברויט

און אַרבעט אין לאַנד איז אַ מלוכה־אָנגעלעגנהייט, אַ סאָציאַל־פּאָליטישע פונקציע.

„און זאָל מען אויפזאַמלען די גאַנצע שפּייז פון דאָזיקע גוטע יאָרן, וואָס קומען. און זאָל מען אָנקלייבן תבואה אונטער דער האַנט פון פּרעהן, פאַר שפּייז אין די שטעט און היטן. און די שפּייז וועט זיין אַוועקגעלייגט פאַרן לאַנד אויף די זיבן הונגער־יאָרן, וואָס וועלן זיין אין לאַנד מצרים, און דאָס לאַנד וועט ניט פאַרשניטן ווערן פון הונגער" (בראשית מ"א, 35—36).

אַזאַ אַרבעט פאָדערט אַ מעכטיקע אָרגאַניזירונגס־קראַפט. אי דער פּראָצעס פון אויפזאַמלען און רעזערווירן, אי שפּעטער דאָס צעטיילן און ניט נאָר אין מצרים, נאָר אויך פאַר די אַרומיקע לענדער, איז עס אַן אויפגאַבע, וואָס פאָדערט אַ גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט און איבערגעבנקייט צו דער זאַך. דווקא דער מענטש, וואָס פאַרמאָגט פיל גייסט און איניציאַטיוו, קען, ווען ס'וועט זיין נויטיק, איינגאַנצן זיך אָפּגעבן דער זאַך, פאַרגעסן אָן זיך, אָן די אייגננוצן. און אַזאַ מענטשן האָט פּרעה איינגעזען אין יוספן. ער ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער רעטונגס־אַקציע אין מצרים. ער, דער געוועזענער שקלאַף פון כנען, איז געקומען מיט דער אידעע פון אַבסאָלוטן פּרימאַט פון דער געזעלשאַפט, פון דער מלוכה. בהדרגה פירט ער צו דער קאָנצענטראַציע פון דער גאַנצער רייכקייט פון לאַנד אין די הענט פון דער מלוכה. לכתחילה האָט ער איינגעקאַסירט די געלט, שפּעטער האָט ער קאָנצענטרירט ביי דער מלוכה די פי, נאָך שפּעטער די ערד און די אַרבעט פון די מענטשן. די ערד ווערט צעטיילט, זריעה ווערט אַרויסגעגעבן די ערדאַרבעטער און פאַר די זאָמען און אויך פאַר דער אָרגאַניזאַציע, באַקומט די מלוכה 20 פּראָצענט פון דער אויסגעוואַקסענער תבואה. דער פּראָצענט איז ניט קיין קליינער, אָבער אויך ניט קיין צו גרויסער. עס איז צו באַמערקן, אַז דער פּראָצענט ווערט ניט אויסגעטיילט פון קערן, נאָר ווערט גענומען פון שניט, אַ מאָדוס, וואָס איז מעגלעך און איז פּאַסנדיק פאַר ערדאַרבעטער.

„און יוסף האָט געזאָגט צום פאָלק: אָט האָב איך היינט אָפּגעקויפט אייך און אייער לאַנד פאַר פּרעהן. נאָט אייך זריעה און פאַרזייט די ערד. און עס וועט זיין ביי די תבו־אות, וועט איר געבן אַ פינפטל צו פּרעהן און פיר חלקים וועלן אייך זיין פאַר זריעה פון פעלד און פאַר אייער עסן און פאַר די, וואָס אין אייערע הייזער, צום עסן און פאַר אייערע קליינע קינדער.“

און אַזאַ סיסטעם באַפרידיקט די באַפעלקערונג.

„האָבן זיי געזאָגט: האָסט אונדז דאָס לעבן דערהאַלטן; לאָמיר געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון מיין האַר, און מיר וועלן זיין קנעכט צו פּרעהן.“ (בראשית מ״ז, 16—23).

אַזאַ מלוכה־סיסטעם, די נייע לאַגע אין לאַנד, האָט געפאָדערט אַ נייע צעטיילונג פון דער באַפעלקערונג איבערן לאַנד, איבער די ערטער, וואָס לאָזן זיך בעסער אָדער ערגער באַארבעטן, אַ נייע קאָלאָניזאַציע. און יוסף האָט גענומען אויף זיך אויך די אויפגאַבע פון טראַנספּאָרטירן, אַריבערפירן די מענטשן פון איין אָרט אין דעם צווייטן.

„ואת העם העביר אותו לערים, מקצה גבול מצרים ועד קצהו“ — און דאָס פאָלק, זיי האָט ער שטעטווייז אַריבערגעפירט פון איין עק געמאַרק פון מצרים צו דעם אַנדער עק (בראשית מ״ז, 21).

אַזוי האָט אַ פּאַסטעך אָרגאַניזירט אין מצרים די ווירטשאַפט פון אַגריקולטור; דער טרוימער האָט פאַרווירקלעכט זיין טרוים; פון גרוב האָט יוסף ווידער אויפגעהויבן זיין קאָפּ איבער דער גאַנצער וועלט.

4.

אין דער צייט, ווען יוסף איז געווען אויפן שפּיץ פון זיין מלוכה־אַרבעט, בראשו ורובו פאַרטאָן מיט מצרישע אָנגעלעגנ־הייטן, האָט ער דערהערט אַ רוף פון דער היים, אַ רוף פון כנען, אַ גערוס פון דער משפּחה, פון אַלטן טאַטן, פון געליבטן ברו־

דער. אַזוי לאַנג האָט יוסף געטרוימט וועגן דעם! אַזוי שטאַרק האָט ער געוואָלט וויסן, אויב יעקב לעבט נאָך, אויב ער האָט אויסגעהאַלטן דעם טרויער און פּיין נאָכן פאַרלאָרענעם געליבטן זון? און וואָס מאַכט בנימין? און דאָ קומען פאַר אים די ברי־דער אַליין און גיבן אים אָפּ דעם גערוס. ער קען ניט צווייפלען אין דער אמתדיקייט פון זייערע רייד; ער פילט, ער זעט, אַז זיי זאָגן אמת... עס האָט זיך פאַרווירקלעכט זיין יוגנט־טרוים, די ברידער בוקן זיך צו אים, בעטן ביי אים ברויט. אָט די ברידער, וואָס האָבן אים געפּייניקט, אין גרוב געוואָרפן, פאַר אַ שקלאַף פאַרקויפט, שטייען איצט ווי שקלאַפן פאַר אים. און דאָ, אפשר צום ערשטן מאָל, האָט יוספן פאַרנומען אַ צווייפל. דער גאַנ־צער, שטאַרקער מענטש ווערט נערוועז, אומרואיק, זיין ליניע איז געבראָכן, זיינע האַנדלונגען בייטן זיך; דאָ איז ער גוט, דאָ שלעכט צו די ברידער; דאָ איז ער אַ פרעמדער, בייזער הערשער, וואָס טראַכט אויס בלבולים אויף זיי, דאָ איז ער אַ גוטער, גאַסט־פריינדלעכער מענטש. ניט איינמאָל האָט ער געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיינען די ברידער וועגן זיין גורל. מסתמא איז ער אומגעקומען אין די שווערע באַדינגונגען פון אַ שקלאַף, ערגעץ דערהרגעט, געשטאָרבן פון מידקייט, פון הונגער, פון דורשט. און ער הערט זיך צו, ווי זיי דערציילן אים זיין געשיכטע און זאָגן: „און איין ברודער אונדזערער איז ניטאָ“. שפּעטער, אין לעצטן מאָמענט, ווען יהודה דערציילט אים די געשיכטע, זאָגט ער איינ־פאַך, אַז איינער איז געשטאָרבן. און יוספן ווילט זיך אַ געשריי טאָן: ניין, ער לעבט, און נאָך וואָס פאַר אַ לעבן! און יוסף הערט, ווי די ברידער ריידן צווישן זיך: מיר זיינען שולדיק איבער אונדזער ברודער. מיר האָבן צוגעזען דעם צער, ווען ער האָט זיך געבעטן ביי אונדז, און מיר האָבן ניט צוגעהערט. און ראובן מאָנט ביי זיי: איך האָב אייך געזאָגט, פאַרזינדיקט ניט אָן דעם יינגל! איצט ווערט זיין בלוט אויפגעמאָנט! און טרערן נעמען שטיקן יוספן. פאָדערט ער דען באמת זיין בלוט? איז דאָס אַן אַקט פון נקמה? און יוסף ווייס ניט אַליין, ווי אַרויסצופּלאָנ־טערן זיך פון דער לאַגע, — לאָזן זיך דערקענען? דאָס איז

ניט נאָר אַ משפּחה־אָנגעלעגנהייט, דאָס איז איצטער א וויכטיקער מלוכה־ענין! יוספס אָפּשטאַמונג איז איצט ווי פאַרגעסן. ער האָט אַ נאָמען אין לאַנד ווי אַ שני למלך, ווי דער גרעסטער שר פון מצרים. ער פאַרנעמט דעם וויכטיקסטן פּאָסטן, אים איז אָנפאַרטרויט די דערנערונג פון לאַנד אין די הונגער־יאָרן. ווי וועט מען זיך באַציען צו זיין אָפּשטאַמונג, אויב די פראַגע וועט זיך איצט אויפהויבן? זיין פאָטער, די פּאַסטעכער, די „אומווירדיקייט" פון מצרים, וועלן זיך באַזעצן אין לאַנד, פאַרנעמען דאָ אַן אָרט. ווי וועט זיך פרעה באַציען צו זיינע ברידער און צו זיין פאָטער? צי וועלן די מצרים ניט זיין קעגן דער השפּעה פון די כנענים? צי לוינט איצט, אין אַ מאָמענט פון הונגער און אומרו אין לאַנד, ווען כנען קומט נאָך ברויט אין מצרים, אויפהייבן די געפערלעכע ראַסן־פראַגע, די פראַ:ע פון שכנותדיקע לענדער? און צי וועלן אים ניט פאַר־שעמען די פאַרגרעבטע פּאַסטעכער אין די אויגן פון די הויכ־קולטורעלע מצרים? און ווי וועט פרעה באַגעגענען אברהמס אייניקל, דעם אַלטן ישראלן? די און נאָך צענדליקער קאָמפּלי־קאַציעס קענען קומען מיט די כנענים אַהער, מיטן אויפרעקן מיטאַמאָל זיין אָפּשטאַמונג. און יוסף נעמט וואַקלען. בכל אופן מוז מען אָפּוואַרטן, פאַרהאַלטן דערווייל די ברידער אונטער אַ פּאַטריאָטישן אויסרייד. ער באַשולדיקט די ברידער, אַז זיי זיי־נען מרגלים ,אויסקוקער פון אַ פרעמדן לאַנד. טאָמער זיינען זיי אַגענטן פון בבל, פון דעם לאַנד, וואָס פירט שטענדיק מלחמות מיט מצרים איבער כנען, און עפּעס בבלישעס איז טאַקע דאָ אין זייערע רייד, אין זייער האַלטן זיך. איצט וועט שוין קיינעם ניט איינפאַלן, אַז ער אַליין געהערט צו די כנענים, וואָס האָבן אַ שייכות צו בבל, אַז זיין אורזיידע איז אַרויסגעגאַנגען פון בבל.

עס איז אַ גאַנצע ריי ספקות און אינערלעכע שפּאַלטונגען אין דעם געניאַלן מענטשן, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אַ פרעמדער קולטור, האָט פאַרדעקט זיין אָפּשטאַמונג און פאַרנומען אַ הויכן אָרט אין אַ פרעמד לאַנד. עס איז די טראַ:עדיע, וואָס באַגלייט ביז צום הייגטיקן טאָג די יידן אין דער גאַנצער וועלט.

אָבער אַזוי קען אויך ניט בלייבן. אָפּלאָזן זיי אינגאַנצן ווי פרעמדע קען ער נים. צו שטאַרק איז די שטים פון אייגן בלוט. בנימינען, ווען ער האָט קינדוויז פאַרטראָטן אַ מוטער, אים געהאָדעוועט, וועט ער מער קיינמאָל ניט זען? וועט ער דען אַרויסלאָזן די איינציקע מעגלעכקייט אין לעבן צו טרעפן זיך מיט בנימינען? און יוסף באַשטעלט, מען זאָל אים ברענגען בנימינען. אַזוי וועלן די מענטשן באַוויזן זייער לאָיאַל־קייט און דעם אמת פון דעם, וואָס זיי דערציילן. צו דעם מאָ־מענט האָט יוסף נאָך ניט געהאַט באַשלאָסן דעם לעצטן אויס־גאַנג פון דער גאַנצער געשיכטע, אַז ער וועט זיך מוזן לאָזן דער־קענען און אַראָפּברענגען אין מצרים די גאַנצע משפחה. אין דעם פאַל וואָלט זיין ערשטע האַנדלונג געווען אַן אַנדערע. איצט האָבן די ברידער אים געקאָנט אויסמיידן און נאָכאַמאָל אינגאַנצן ניט קומען. די ערבות פון שמעונען איז ניט קיין זיכערע. בנימין איז געווען מער ווערט ווי שמעון. און יעקב האָט טאַקע נישט געוואָלט ריזיקירן מיט בנימינען צוליב שמעונען, ריזיקירן מיט דעם געליבטסטן זון, פאַר דעם, וואָס איז צום ווייניקסטן געליבט. לכתחילה האָט יוסף געוואָלט נעמען אַ גרעסערע ערבות: אַלע ברידער, אחוץ איינער, אַ שליח נאָך בנימינען, זאָלן בלייבן ביי אים. אָבער דאָס וואָלט געווען צו שמערצלעך פאַר יעקבן, — פאַר גאָט האָב איך מורא — זאָגט יוסף, ווען ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם פּלאַן. און ווער קען וויסן, אפשר וואָלט דאָס געווען אַריבערגעכאַפּט די מאָס, און דער אויף טויט איבערגעשראָקענער יעקב וואָלט זיך אינגאַנצן פאַרעקשנען און ניט שיקן בנימינען. און יוסף באַגרעניצט זיך מיט איין ערובניק — מיט שמעונען. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס יוסף האָט ניט געבעטן גלייך ברענ־גען אים דעם פאָטער: פנים לפנים מיטן אַלטן טאַטן וואָלט ער ניט אויסגעהאַלטן, וואָלט ער מער ניט געקאָנט טראָגן די מאַסקע פון אַ מצרי. יעקב וואָלט זי אַראָפּרייסן, זייערע ליפּן וואָלטן זיך צוזאַמענגעגאָסן, אַזוי ווי זייערע הערצער. און יוסף פאָ־דערט נאָר בנימינען. קענען אים וועט ער אויסהאַלטן.

די ראַזיקע האַנדלונג איז אַ שטאַרקער עגאָצענטרישער אָפּ־
נייג אין יוספס פּערזענלעכקייט. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי
אַזאַ אומפאַרשטענדלעכע פאָרערונג וועט ווירקן אויף יעקבן.
שמעונען האָט מען צוגענומען און איצט מיט וואָס פאַר אַ האַרץ
וועט יעקב שיקן בנימינען אין אַ פרעמד לאַנד, צו אַ בייזן הער־
שער, וואָס איז חושד זיינע זין, אַז זיי זיינען שפּיאָנען. און יעקב
האָט זיך טאַקע געוועדט, ווי לאַנג ער האָט נאָר געקאָנט, קעגן
דער גרויזאַמער פאָדערונג. ער האָט אָפּגעוואָרפן די סענטימענ־
טאַלע און נאַרישע רייד פון ראובנען, וואָס האָט אים געוואָלט
זיכערן דעם לעבן פון בנימינען מיטן לעבן פון זיינע אייגענע צוויי
קינדער. און נאָר ווען ער האָט געהערט פון שטאַרקן מוטיקן
יהודהן, אַז ער אז אים ערוב פאַר בנימינען — „פון מיין האַנט
וועסטו אים פאָדערן. איך וועל אים ברענגען און אַוועקשטעלן
פאָר דיר. אויב ניט, האָב איך פאַרזינדיקט פאַר דיר מיין לעבן"
— האָט יעקב מיט אַ שווערן געמיט אָפּגעלאָזן בנימינען.
די ברידער קומען מיט בנימינען דעם צווייטן מאָל צו יוספן.
און ער האַלט זיך ווידער אָן זיין ערשטן פּלאַן: בלייבן אומבאַ־
קאַנט, פרעמד, די ברידער זאָלן ניט וויסן, אַז ער איז זייערער אַ
ברודער און די מצרים זאָלן ניט מיינען, אַז ער איז ניט זייערער.
ער גיט עסן, פיינע מתנות די ברידער, שיקט אויף אַ קוריאָזן
אופן עטלעכע „דאָלאַר" אין דער אַלטער היים צום טאַטן, מאַכט
אַפילו מיט די ברידער אַ „לחיים" — „וישתו וישכרו עמו", אָבער
דאָס איז נאָך אַלץ ווייט פון לאָזן זיך אָנערקענען. יוסף טראַכט
נאָר צו אַ שפּיצל, ווי צו לאָזן ביי זיך בנימינען. זאָלן די אי־
בעריקע ברידער זיך פאָרן אין כנען. די שפּאַלטונג אין דער
משפּחה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן לאהן און רחלען, און
וואָס די ברידער האָבן פאַרגעזעצט מיטן פאַרקויפן אים פאַר אַ
שקלאַף, וועט ער איצט פאַרענדיקן אויף דעם אופן, אַז לאהס
זין וועלן בלייבן אין כנען, רחלס קינדער אָבער וועלן זיך אַריבער־
טראָגן אין מצרים, ווי בירגער פון אַ נייער גרויסער לאַנד,
טרייע דינער פון פרעהן. און יוסף לאָזט אין גאַנג דעם שפּיצל
מיטן צוואַרפן דעם בעכער אין בנימינס זאַק מיט תבואה. דאָס

איז אַ בלוטיקער און אַ צילבאַוווסטער בלבול. מען קען זיך פאָר־שטעלן די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די ברידער, ווען זיי האָבן דאָס דערזען. אויב דאָס איז אַ שטראָף פאַר זייער זינד, איז עס ניט קיין קלענערע, ווי די זינד אַליין. זיי האָבן זיך אינ־גאַנצן פאַרלאָרן. לכתחילה האָבן זיי געזאָגט, אַז דער, ביי וועמען מען וועט געפינען דעם בעכער, מוז געטויט ווערן און זיי אַלע גיבן זיך פרייוויליק איבער פאַר שקלאַפן. שפּעטער, ווען מען האָט דעם בעכער דערזען ביי בנימינען, האָבן זיי שוין דעם „טויט" דורכגעלאָזן, פאָרגעלייגט אַלעמען מאַכן פאַר שקלאַפן, אויך דעם, „אין וועמעס האַנט מען האָט געפונען דעם בעכער". און דווקא דער כלומרשט מילדערער פאָרלייג פון יוספן, צו נע־מען פאַר אַ שקלאַף נאָר בנימינען און זיי אַלעמען אָפּלאָזן, איז פאַר זיי געוועזן אויסגעשלאָסן. קומען צו יעקבן אַהיים אָן בנימי־נען, הייסט אַריינברענגען דעם אַלטן טאַטן אין גרוב אַריין! עס וועט געוווינטלעך ניט זיין בעסער אויך, אַז קיינער וועט זיך ניט אומקערן אַהיים, אָבער ווייזן זיך פאר יעקבן אָן בנימינען איז אוממעגלעך. ס'זיינען דאָ מאָמענטן, ווען מען האָט קיין רעכט ניט צו קוקן אַ מענטשן אין פּנים אַריין. און אָט אַזאַ מאָמענט וועט זיין, אויב זיי וועלן קומען אָן בנימינען.

און דעמאָלט טרעט אַרויס יהודה מיט זיין רעדע קעגן יוספן.

אַ יידישע מעשהלע דערציילט, אַז יהודה האָט מיט זיין שטים געשטורעמט דעם פּאַלאַץ, אַז זיין קול האָט זיך געהערט איבער גאַנץ מצרים, אַז ער האָט געוואָלט הרגענען פרעהן מיט זיין שני למלך צוזאַמען. עס איז אַ טיפּע כאַראַקטעריסטיק פון יהודהס רייד. אין יהודהס רייד הערט זיך דער געשריי פון אַ פאַר־צווייפלטן העלד, פון רחמנות איבער אַן אַלטן פאָטער. יהודה האָט אייגנטלעך גאָרנישט וואָס פאָרצוואַרפן יוספן. ער רעדט קיין איין וואָרט ניט צו פאַרטיידיקן בנימינען. ער דערמאָנט אינגאַנצן ניט די געשיכטע מיטן בעכער: אין מאָמענטן פון טיפע אויפטרייסלונגען רעדט מען ניט וועגן בייזאַכן. יהודה גיט נאָר איבער אין אַ פאָרם פון אַ דיאַלאָג דעם שמועס, די אונטער־האַנדלונגען, וואָס די ברידער האָבן געהאַט מיט יוספן און אין

דער היים מיטן אַלטן פּאָטער. ער רעדט אָפן און מוטיק, דער־
ציילט וועגן פאַמיליע ־ אָנגעלעגנהייטן. בנימינס מוטער איז ניט
זייער מוטער. צוויי זין האָט זי געהאַט און איינער פון זיי איז
אַוועק און פאַרצוקט געוואָרן און ביז היינט האָט אים דער פּאָ־
טער נישט געזען. און יעקב האָט אָנגעזאָגט: „אַז איר וועט
אַוועקנעמען אויך דעם דאָזיקן פון מיין פּנים, און אים וועט טרעפן
אַן אומגליק, וועט איר מאַכן נידערן מיינע גראָע האָר מיט קו־
מער אין קבר.“ און אין וואָס האַנדלט זיך דאָ? אויב די רייד
איז וועגן אַ שקלאַף, וועט ער, יהודה, זיין אַ בעסערער שקלאַף, ווי
דער יינגל. אָבער זאָל מען דעם אַלטן טאַטן פּריצייטיק אין גרוב
ניט אַריינשטופּן!

מער האָט יוסף ניט געקאָנט אויסהאַלטן. און אין אַ שרעק־
לעכן געוויין האָט ער אויסגעשריען: „איך בין יוסף! לעבט נאָך
מיין פאָטער? ניט איר האָט מיך אַהער געשיקט, נאָר אלהים.
ער האָט מך געמאַכט פאַר אַ שפּייזער און פאַר אַ הערשער אי־
בער מצרים. און איצט גייט צוריק אין כנען, ברענגט אַהער
דעם פּאָטער, און (שוין אין נאָמען פון פרעה!) זאָלן זיי זיך
אַריבערקלייבן אַהער מיט זייער האָב און גוטס, מיט זייערע קינ־
דער און רינדער. אלע עברים פון כנען זאָלן קומען אין מצרים!“

אַזוי האָט דער מאַיעסטעטישער דיכטער פון תנך דערציילט
די וואונדערבאַרע געשיכטע פון יוספן.

---

# משה

# אַרבעט אין מצרים

מיט דריי־פיר טויזנט יאָר פאַר אונדזער צייט איז מצרים געווען אַ גרויסע און ציוויליזירטע מלוכה. אמת, מצרים איז נים געווען באַקאַנט מיט גרויסע מיליטערישע נצחונות, אירע אויפטוען זיינען געווען פרידלעכע, קולטורעלע. אָבער אין 15־טן יאָרהונדערט פאַר קר. האָט אין מצרים געהערשט דער פּרעה טוטמעס דער 3־טער, איינער פון די גרעסטע קריגסמענער אין דער געשיכטע. טוטמעס דער 3־טער איז געזעסן אויפן טראָן פון „הייליקן" 54 יאָר, און פאַר דער צייט זיינען זיינע חילות דורכ־געגאַנגען די לענדער פון סיריע, דערגאַנגען ביז בבל. אויך כנען האָט דעמאָלט געהערט מצרים. דער שמאָלער פּאַס ערד אַרום נילוס איז געווען די ברויטגעבערין פאַר אַלע אַרומיקע לענדער. אַן אָפּקלאַנג פון דער לאַגע אין יענער צייט געפינען מיר אין דער געשיכטע מיט יוספן.

די מצרישע מלוכה האָט פאַרמאָגט, ווי אַן אייגענע ווירט־שאַפט, גרויסע שטיקער ערד, וויינגערטנער. מיט דער תבואה, מיט פרוכטן האָט די מלוכה אויסגעהאַלטן די אָנגעשטעלטע און געפירט אַ ברייטן האַנדל מיט די אַרומיקע לענדער. אויסער דעם האָבן די מצרישע הערשער געלאָזט בויען גרויסע פּאַלאַצן, טעמפּלען, פּיראַמידן, אָבעליסקן, דענקמעלער, ספינקסן, מצבות, געגראָבן קאַנאַלן, כדי דער שליים פון טייך זאָל זיך ברייטער פו־נאַנדערגיסן.

ביז היינט באַוווּנדערן מיר, ווי אַזוי האָט מען געקענט מיט פּרימיטיווע מיטלען אויסבויען אַזעלכע ריזיקע געביידעס. דעם פּרעה חופוס פּיראַמידע האָט 144 מעטער די הייך און באַשטייט פון העכער צוויי מיליאָן שטיינער־בלאָקן. יעדער בלאָק וועגט אַרום צוויי אַ האַלב טאָן. גאַנצע פעלזן האָבן מענטשן אויסגע־

האַקט, געפירט זיי אויף טראַטוועס מיטן טייך און דערנאָך אויף זיך געטראָגן צום אָרט פון דער פּיראַמידע. אַ רעמעניש בלייבט, ווי אַזוי האָט מען אַזעלכע פעלזן אויפגעהויבן אויף אַזאַ הייך. דער טעמפּל אין קארנאק האָט אין זיך שטיינער-בלאָקן פון 150 טאָן יעדערער און האַלט 1400 מעטער די לענג. נאָך מער וואונדער זיינען די אָבעליסקן. דאָס זיינען הויכע פירקאַנטיקע פּיראַמידאַל-פאַרענדיקטע קאָלומנעס, אויסגעהאַקטע פון איין שטיין. אָפּרייסן אַזאַ פעלז פון אָרט, אויפשטעלן אַזעלכע ריזן, באַזאָרגן, זיי זאָלן ניט צעבראָכן ווערן ביים טראַנספּאָרטירן, האָט מען געקענט נאָר ביי אַ גרויסער קונסט-טעכניק און קאָמפּליציר-טער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט.

אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט זיך אין מצרים אַנטוויקלט פון דער אַרבעט אַרום טייך. קיין רעגן גייט ניט אין מצרים, און די ערד ווערט באַוואַסערט דורך דעם פונאַנדערגיסן פון יאור (אַזוי האָט געהייסן דער טייך ביי די מצרים און ביי די עברים, אָדער נילוס ביי די גריכן). די מענטשן האָבן געמוזט באַזאָרגן, דער שליים פון טייך זאָל גלייכמעסיק באַדעקן דאָס לאַנד, און מיט דעם צוועק געבויט אַ גאַנצע סיסטעם פון קאַנאַלן. רעמסס דער צווייטער זאָל אַפילו האָבן אויסגעגראָבן דעם סועץ-קאַנאַל, מער ניט שפּע-טער איז ער צוריק פאַרשאָטן געוואָרן.

אַזעלכע ריזיקע אַרבעטן האָבן מענטשן געקענט אויספירן נאָר אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, אָרגאַניזירטערהייט. שבטים-וויַיז, גאַנצע פעלקער האָבן צוזאַמענגעאַרבעט. עס איז שווער צו גלויבן אַז די אַרבעטער זיינען געווען נאָר אויספירער, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען די קונסט פון דער אַרבעט. ניין, דאָס זיינען געווען קוואַליפיצירטע אַרבעטער, נאָר פאַרשקלאַפט אין זייערע לעבנס-באַדינגונגען. די מצרישע נוגשים האָבן נאָר מיט שטעקנס אין די הענט צוגעטריבן, די אַרבעט זאָל שנעלער אויפגעטאָן ווערן. אַ יידישע מעשהלע דערציילט, אַז די קינדער פון די אַרבעטער פלעגט מען איינמויערן אין די ווענט אָנשטאָט ציגל. דאָס מיינט, אַז די פרויען האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט

די מענער. ביי דער אַרבעט האָבן זיי, ווי „חיות“, געבוירן זייערע קינדער און אָפט זיי דאָרט באַגראָבן.

די געמיינזאַמע אַרבעט האָט נאָך שטאַרקער פאַראייניקט די פאַרשקלאַפטע מענטשן, אַנטוויקלט ביי זיי די זעלביקע מנהגים פון מויל צו מויל זיינען איבערגעגאַנגען די זעלביקע געשיכטן וועגן די אבות, דערציילונגען וועגן געמיינזאַמער אָפּשטאַמונג און געמיינזאַמע האָפענונגען אויף דער צוקונפט.

זיינען נאָר די עברים געווען פאַרנומען ביי די אַרבעטן? ניין, פאַרשיידענע פעלקער און שבטים. דאָ זיינען געווען כנענים, חתיים, קינדער פון כוש. איינע געטריבן פון הונגער, אַנדערע באַזיגטע דורך די מצרישע הערשער. אויף די באַרעליעפן פון די איבערגעבליבענע ווענט פון די געביידעס קען מען נאָך איצט אָנקוקן געמעלן, ווו מענטשן פון סעמיטישן און נעגריטיאַנישן אויסזען אַרבעטן ביים טראָגן וואַסער, ביים אויסמאַכן ציגל, „בחומר ובלבנים“. די עברים זיינען נאָר געווען דאָס ערשטע פאָלק מיט אַ היסטאָרישן באַוווסטזיין, וואָס האָט פאַראייביקט זיין שקלאַפן-געשיכטע אין שריפט, אין בוך פון די ביכער, אין תנך.

עס האָבן געלעבט אין מצרים עברים אויך ניט קיין שקלאַפן, רייכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַסך פי, שאָף און פעלדער, ווי צו פיטערן די שאָף. אַזעלכע עברים האָבן געלעבט מער אין צפון מצרים, אַרום מעמפיס (פּיתום) און גושן, ביי דער דעלטאַ פון נילוס, ווו עס איז געוואַקסן גוטע גראָז. אויך די עברים-באַסטעכער האָבן געהאַט אַ גרונט צו לעבן באַזונדער, אָפּגעטיילט פון די מצרים. פוצוכט איז געווען ביי די מצרים פאַררעכנט, ווי אַן אומווירדיקע באַשעפטיקונג. אַזוי זיינען אויך די עברים-באַסטעכער געווען פאַרפאָלגט און במילא זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט זייערע ברידער, געפילט זיך, ווי מענטשן פון איין פאָלק.

פּיתום, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש, באַדייט די הויז פון אטום (מצרישער אונטערערדישער גאָט). שפּעטער האָבן די גריכן גערופן די שטאָט הערנאָפּאָליס. איצט אַראַביש — תל-אל-מאשוטא. אין 19טן י.ה. האָט דער געלערנטער נאוויל אָפּ-

געגראָבן די שטאָט. אויסער די טעמפּלען, האָט ער דאָרט גע־פונען אַמאָליקע שפּייכלער צו האַלטן תבואה. פון אויבן האָבן די שפּייכלער געהאַט עפענונגען, דורך וועלכע מען האָט זיי אָנ־געפילט מיט תבואה.

אַ פּאָר קילאָמעטער צו מערב פון פּיתום האָט דער ענגלענ־דער פּעטרי אויסגעגראָבן די „הויז פון רעמסס״. פאַר דער הויז איז צו זען די סטאַטוע פון רעמסס דעם צווייטן, ווי ער שלאָגט אַ סיריער.

דאָס אַלץ דערמאָנט און באַשטעטיקט גלענצנד די דערציי־לונגען פון חומש.

# משהס געבורט און יוגנט

עס איז שווער געגוי צו באַשטימען, ווען משה איז געבוירן געוואָרן. לויט דער צייט, וואָס ווערט אָנגעוויזן אין תנך פאַר יציאת מצרים (מלכים א׳, ו׳, 1), קומט אויס, אַז משה האָט געלעבט אין זעכצנטן און פופצנטן יאָרהונדערט פאַר קר. אַנ־דערע פאָרשער ווילן יציאת מצרים אַראָפּרוקן ביזן דרייצענטן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון פּרעה־מענעפּטא. זיכער איז, אַז משה האָט געלעבט צום ענדע פון דער 18טער און אָנהייב 19טער דינאַסטיע פון די מצרישע הערשער, און מיר וועלן זיין ניט ווייט פון אמת, אויב מיר וועלן משהס געבוירן צושרייבן צום מיטן פון פערצנטן יאָרהונדערט פאַר קר.

דער נאָמען משה באַדייט אויף מצריש קינד. דער נאָמען איז זייער פאַרשפּרייט ביי די פּרעהס און ווערט געוויינלעך באַ־העפט מיט נאָך ווערטער, מיט נעמען פון געטער, למשל, טוט־מעס, אמוס, רעמסעס און אַנד. מעגלעך, אַז אויך אונדזער משה האָט געהאַט אַ מצרישן פאָרנאָמען, נאָר די יידישע מסורה האָט עס אָפּגעוואָרפן און געלאָזן נאָר דאָס וואָרט משה. די מסורה האָט אַפילו צוגעטראַכט אַ העברעאישע דערקלערונג פון וואָרט משה — כי מן המים משיתיהו — פון וואַסער האָב איך אים

אַרויסגעצויגן — און אַריינגעטאָן די דערקלערונג ביי אַ מצריטע אין מויל, ביי פּרעהס טאָכטער. שפּעטער געפינען מיר צווישן משהס מקורבים נאָך מענטשן מיט מצרישע נעמען, למשל, חור, פּנחס א. אַ.

כמעט אַלע פעלקער האָבן אויסגעצירט דעם געבורט פון זייערע העלדן מיט וווּנדערבאַרע מעשהלעך.

די סכעמע פון אַזעלכע מעשהלעך איז געוויינלעך אַזאַ: די עלטערן פון העלד זיינען געטער, מלכים, בכלל גרויסע יחסנים. צוליב מורא, אַז דער ניי-געבוירענער וועט צונעמען ביי די עלטערן די מאַכט, ווילן זיי טויטן דאָס קינד. אַ גליקלעכער צופאַל ראַטעוועט דעם צוקונפטיקן העלד. זיין הויכע אָפּשטאַמונג ווערט באַהאַלטן, און דאָס קינד האָדעוועט זיך ביי פּראָסטע מענטשן, ווי פּאַסטעכער, גערטנער, אָפּט גאָר ביי חיות (אַן אָדלער, אַ וואָלפיכע). ערשט שפּעטער, ווען דער העלד וואַקסט אויס, דערווייסט מען זיך וועגן זיין יחוס.

אויף אַזאַ אופן דערציילט די כאַלדעישע מעשהלע וועגן גילגאַמעש, די גריכישע — וועגן קיניג עדיפּ, די רוימישע — וועגן ראָמול און רעם, וואָס האָבן אויסגעבויט די שטאָט רוים.

אַנדערש איז ביי משהן. ער איז געבוירן פון איינפאַכע פאָלקסמענטשן. אויך אים דרויט אַ סכנה אומצוקומען, אָבער דאָס איז אַן אַלגעמיינע סכנה פאַר אַלע עברישע קינדער. אַלע נייגעבוירענע עברישע יינגלעך האָט פּרעה געהייסן דערטרינקען. משהס גורל איז שוין פון געבורט אָן צונויפגעבונדן מיטן גורל פון די עברים. ער ווערט געראַטעוועט, כדי צו ראַטעווען די עברים. עס איז ניט אַ פּערזענלעכע געשיכטע פון אַ העלד, נאָר אַ געשיכטע פון אַ פאָלק.

די עלטערן זיינען טאַקע איינפאַכע מענטשן, אָבער די דערציער, להיפּוך צו אַנדערע מעשהלעך, זיינען מלכים. פּרעהס טאָכטער האָט געפונען צווישן די ריטלעך אין יאור אַ קעסטל מיט אַ וויינענדיק קינד. ווי אַן אייגענער האָדעוועט זיך ביי פּרעהן דער צוקונפטיקער באַפרייער פון די עברים.

ווער איז געווען דער פרעה, וואָס האָט אויפגענומען משהן, אים געהאָדעוועט ווי אַן אייגן קינד, געלערנט, געווירקט אויף זיין קינדערשער נשמה, אפשר געגרייט פאַר זיך אַ יורש? וואָס ווייסן מיר וועגן אַזאַ פרעהן פון מצרישע קוועלן?

לויט אַ פיינער היפּאָטעזע פון זיגמונד פרויד (וואָס איז, אגב, באַגרינדעט מער פּסיכאָלאָגיש, ווי היסטאָריש), האָט דאָס געזאָלט זיין דער פרעה אמענהאטעפּ דער 4-טער, אָדער עכנאַטאָן, ווי ער האָט זיך אַליין גערופן. עכנאַטאָן האָט געהערט צו דער אַכצנטער דינאַסטיע פון די פרעהס, געהערשט איבער מצרים און כנען 17 יאָר און איז געשטאָרבן אין 1358 פאַר קר. דאָס איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע פרעהס, אַ טיף רעליגיעזע נאַטור, אַ רע-וואָלוציאָנער אויפן מצרישן טראָן, אַ פרייער דענקער אין טעמפּל פון אמון און אָסירים.

עכנאַטאָן האָט צעשטערט דעם טויזנטיעריקן גלויבן פון זיינע עלטערן, פון די כוהנים, מכשפים. ער האָט צעשטערט דעם קולט פון מתים, פון אָסירים, דעם קולט פון אַלמעכטיקן נאַציאָנאַלן מצרישן גאָט אמון. זייערע סטאַטועס האָט ער געלאָזט צעברעכן. דער אפיקורסישער פרעה האָט אַפילו ניט געוואָלט איבערלאָזן זיין הויפּטשטאָט אין נא-אמון (טעבן), אַ שטאָט, וואָס איז גע-ווען פאַרהייליקט פון דער אַלטער אמונה. די הויפּטשטאָט האָט ער איבערגעטראָגן אין תל-אל-אמארנא, אָדער יאכט-אטאָן, ווי עכנאַטאָן האָט גערופן זיין הויפּטשטאָט. דאָרט האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט נייע מענטשן, מיט מאמינים אין אַטאָן.

די נייע אמונה האָט אָפּגעוואָרפן דעם גלויבן אין חיות, פייג-לען, מתים, מכשפות, אין וואָס די מצרים האָבן געגלויבט. עכנאַ-טאָן האָט פאַרגעטערט די זון, אירע שטראַלן, איר קראַפט, דאָס פייער. אונדז איז געבליבן אַ באַגייסטערטער הימן, וואָס עכנאַ-טאָן האָט פאַרפאַסט אָדער געזונגען פאַר אַטאָן. דער לויבגע-זאַנג, די תהילות דערמאָנען אָן אייניקע פסוקים אין תהלים. מיר קענען נאָך איצט אָנקוקן אַ סטאַטוע פון יענער צייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די זון, די שטראַלן. זיי כאַפּט אויף עכנאַטאָן מיט

זיין באַגייסטערטן פּנים. הינטער אים שטייט זיין טרייע לעבנס־באַגלייטערין, די פרוי נעפרעטעטאַ. זיי רויכערן קטורת פאַר דער זון. קיין אַנדערע בילדער פון דער אייננאַרטיקער אמונה זיינען ניט געבליבן, מעגלעך גאָר ניט געווען.

דער יונגער משה האָט איינגעזאַפּט אין זיך די גע־דאַנקען פון עכנאַטאָנס לערע. באַזונדערש די נעגאַטיווע באַציונג צו מתים, צו סטאַטועס, צו פאַרהייליקן חיות. פייגלען. נאָך עכנאַטאָנס טויט האָבן די כוהנים און מכש־פים רעסטאַווירט די אַלטע אמונה. משה אָבער האָט שפּעטער ווייטער אַנטוויקלט און פאַרטיפט די פרייע געדאַנקען, זיך איננאַנצן אָפּגעזאָגט פון געצנדינערײ.

ווי פרעהס אַ קינד, וועמען מען האָט אפשר גערייט צו ירשענען דעם מצרישן טראָן, האָט משה פאַרבראַכט זיינע קינ־דערשע יאָרן. מען האָט אים געלערנט און געהייליקט אין אַלע חכמות, וויסנשאַפטן; אים ווערן אַנטפּלעקט די יסודות פון די מצרישע געטער, פון די מכשפים, יועצים, חרטומים; סודות פון ערד, חיות, פייגלען, וואַסער און פייער; די נאַטור פון בערג און טאָלן; דיווירקלעכקייט און די מיראַזשן פון מדבר; די חכמה פון שטערנזעער, שרייבער, שפּראַכן און פעלקערקענער. — אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין משך פון דורות און איז געווען פאַרשריבן, אָדער איבערגעגעבן פון מויל צו מויל אין די טעמפּ־לען פון פרעהן, — אַלץ איז איבערגעגעבן געוואָרן משהן. דער גענויאלער יינגל האָט עס איינגעזאַפּט מיט פלייס, מיט ליבע.

אין די מצרישע ספרים־פּאַפּירוסן און מגילות, אויף די אויס־געהאַקטע שטיינער און אין די מיגדלעכע דערציילונגען זיינען געווים געווען באַשרייבונגען פון די לענדער און פעלקער אַרום. אַזוי, אַז קינדווייז האָט משה געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַ־קענען מיט די ערטער, וווּ ער האָט שפּעטער געפירט זיין פאָלק.

פון קינדווייז אָן האָט משה מיט גרויס פאַראינטערעסירונג זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די עברים אין מצרים. אָפט פלעגט ער זיך אָפּרייסן פון פרעהס הויף, אַוועקגיין אין די זייטיקע געס־לעך, וווּ די עברים האָבן געלעבט, אָפּשטיין שעהן לאַנג ביי די

פּיראַמידן, ווו זיי האָבן געאַרבעט, און זיך צוקוקן, ווי די עברים ווערן געפּייניקט פון די מצרים. באַזונדערש האָט משה זיך באַפריינדעט מיט דער משפּחה פון עמרם, פון שבט לוי, מיט זיינע צוויי קינדער, מרים און אהרון. ביי זיי האָט ער געזען, ווי די עברים לעבן ריינער, בעסער, פאַרהערלעכן ניט קיין מתים. משה האָט זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען וועגן די אבות פון די עברים, ווי זיי האָבן געוואַנדערט און געלעבט אין כנען, און ווי זיי האָבן געשלאָסן אַ ברית מיט זייער גאָט. אַז די לאַנד וועט זיי געהערן; ווי אַזוי יוסף, יעקבס זון, האָט געראַטעוועט מצרים פון הונגער, און אַזוי זיינען די עברים געקומען אין מצרים. דער יונגער שטאָלצער משה האָט געוועבט אַ טרוים, ווי צו באַפרייען די עברים פון שקלאַפעריי און זיי אַוועקפירן אין לאַנד פון די אבות.

איינמאָל איז משה געגאַנגען אויסערן שטאָט. משה זעט, ווי אַ מצרישער נוגש שלאָגט אַ באַקאַנטן עברי. ער האָט שוין פריער געהערט, אַז ביי דעם שטילן גוטן מענטשן וויל דער מצרי צונעמען זיין פרוי, און דערפאַר פּאַרפּייניקט ער אים. נאָך אַ ווײַלע — און דער נוגש וועט דערשלאָגן דעם עברי אויף טויט. דער צאָרן קעגן שלעגער, דער מיטגעפיל צום עברי האָבן טיף דורכגענומען משהן: ער האָט דערהרגעט דעם מצרי און באַפרייט דעם עברי.

וועגן דעם צופאַל האָט משה קיינעם ניט דערציילט. ער האָט ווייטער געזוכט, ווי צו העלפן די עברים, ווי זיי צו באַפרייען פון שקלאַפעריי.

אין פרעהס הויף האָט מען זיך דערוווסט פון דעם צופאַל. מען האָט אויך געוווסט פון משהס באַזוכונגען אין עברישן טייל פון שטאָט, פון משהס פריינדשאַפט מיטן שבט לוי, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוועלט שלום מאַכן מיט דער פאַרשקלאַפונג. עס איז געווען איינגעפירט אין הויף, אַז נאָך אַלע פרעהס מקורבים האָט מען נאָכגעשפּיאָנירט. מען האָט געוווסט וועגן יעדן טריט זייערן, אַפילו פרעהן אַליין האָט מען נאָכגעקוקט. און איז ווער פון די מקורבים געוואָרן פאַרדעכטיקט אין פאַ=

ראט צו די כוהנים, איז ווער אַריינגעפֿאַלן אין אומחן, — האָט מען שוין ניט געוווּסט. ביז מען איז פֿון אים פּטור געוואָרן. אויך אין אונדזער פֿאַל האָט מען שוין געוואָלט דערהרגענען דעם יונגן פעיקן פריינד פֿון די שקלאַפֿן. מעגלעך, אַז צו דער צייט האָט זיך שוין אויך געביטן אַן אַנדער פּרעה אויפֿן טראָן און מען האָט באַזייטיקט די נאָענטע מענטשן פֿון פֿאַרשטאָרבענעם. באַזונדערש האָט עס פּאַסירט נאָך עכנאַטאָנס טויט מיט דער רעסטאַווראַציע פֿון דער אַלטער אמונה אין אמון און אָסירים.

באַלד האָט משה זיך איבערצייגט, אַז אין מצרים זיינען ניטאָ קיין סודות. משה זעט, ווי צוויי עברים קריגן זיך. דאָס האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן. אונטערדריקטע מוזן צווישן זיך לעבן בשלום. אַניט וועלן זיי קיינמאָל זיך ניט קענען באַפֿרייען.

משה ווענדעט זיך צום אומגערעכטן:

— רשע, פֿאַרוואָס שלאָגסטו דיין חבר?

— ווער האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ האַר און אַ ריכטער איבער אונדז? מיינסט מיך צו הרגענען, ווי דו האָסט דערהרגעט דעם מצרי!

צום ערשטן מאָל האָט זיך משה באַגעגנט מיט דער עברישער עקשנות און קנעכטישע מחלוקות צווישן זיך.

ערשט איצט האָט משה פֿאַרשטאַנען זיין געפֿערלעכע לאַגע. די כוהנים וועלן אים ניט מוחל זיין, וואָס ער האָט דערהרגעט אַ מצרי צוליב אַן עברי. זיי וועלן אים ניט מוחל זיין די פֿריינדשאַפֿט מיט עברישע שקלאַפֿן, און די עברים אַליין ווילן גאָרניט, ער זאָל זיין „אַ האַר און אַ ריכטער איבער זיי“.

די געפֿאַר איז גרויס.

משה מוז אַנטלויפֿן פֿון מצרים.

אין אַזעלכע דערציילונגען הערן מיר אַן אָפּקלאַנג פֿון די קאָנפֿליקטן צווישן מצרים און יידן, צווישן הערשער און שקלאַפֿן. אויך די עברים גופא האָבן זיך געקריגט און געשלאָגן צווישן זיך. משה איז שטענדיק געווען אויף דער זייט פֿון גערעכטן און באַליידיקטן, זיך אָנגענומען פֿאַרן שוואַכן און אומבאַהאָלפֿענעם.

# אין מדין

נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, כמעט אַ ייִנגל, האָט משה געמוזט פאַרלאָזן מצרים, פאַרלאָזן די באַקוועמלעכקייטן פון רייכן לעבן אין הויף, און ווערן אַ וואַנדערער און פרעמדער אין אַ ווייט אומבאַקאַנט לאַנד. צום ערשטן מאָל איז משה דורכגעגאַנגען אַ מדבר, געטראָפן זיך מיטן דורשט און הונגער פון דער וויסטעניש, מיט ווינטן און זאַמד, וואָס טראָגן זיך מיט אַן אומגעהויערן כח, מיט היצן, וואָס טריקענען אויס די לעצטע זאַפט פון מענטשן, מיט וואָגלען טעג און חדשים אָן אַ וועג, אָן אַ שטעג. נאָכן אַנטלויפן פון מצרים געפינען מיר משהן אין מדין. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז זיין אויסגאַנגספונקט אין מצרים איז געווען דער צפון, די דעלטאַ פון נילוס, איז משהן אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ וועג, אָדער ריכטיקער, אַן אומוועג פון הונדערטער קילאָמעטער צו דרום־מזרח זייט פון מצרים. וועגן דער נאַטור פון די לענדער האָט ער שוין פריער געלערנט און געוווסט, זייענדיק אין פרעהס טעמפל צווישן די רייזנדער און קריגספירער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די לענדער. מדין איז געווען אויפן גרעניץ פון די בבלישע און מצרישע השפעות, און, מעגלעך, אַז משה האָט געהערט פון דער לאַנד אויך ביי די עברים, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר אַרויסגייער פון בבל.

געקומען אין אַ פרעמד לאַנד, האָט משה זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ ברונעם, דער רו־אָרט פאַר וואַנדערער אין הייסע לענדער. און איינצייטיק אַן אָרט, ווו צו טרעפן זיך און באַקענען זיך מיט אָרטיקע מענטשן.

ווי וועט מען אים באַגעגענען אין דער פרעמדער לאַנד?

דער גר האָט זיין גורל. ער מוז זיך האַלטן אָן די שטאַרקערע, כדי צו געפינען שוץ. משה אָבער פאַרגעסט אָן דעם. אויך דאָ, אין דער פרעמד, שטעלט ער זיך גלייך אויף דער זייט פון די שוואַכע. ער זעט ווי די מענער, די פאַסטעכער, פאַרטרייבן די פאַסטעכקעס, לאָזן זיי ניט אָנטרינקען די שאָף. משה נעמט זיך אָן פאַר די פרויען, העלפט זיי, שעפט אָן פאַר זיי

וואַסער, טרינקט אָן די שאָף. די פּאַסטעשקעס האָבן אַפּילו פאַרגעסן צו באַדאַנקען דעם פרעמדן. נאָר ווען זייער פאָטער יתרו האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זיי זיינען דאָסמאָל אַזוי פרי געקומען, האָבן זיי דערציילט: „אַ מצרישער מענטש האָט אונדז געראַטעוועט". יתרו הייסט רופן דעם מענטשן, אים מכבד זיין מיט ברויט. אַזוי שליסט זיך די ערשטע באַקאַנטשאַפט צווישן דעם געלערנטן כוהן פון מדין און דעם צוקונפטיקן געזעצגעבער פון יידישן פאָלק.

יתרו איז געווען אַ כוהן אין מדין, חשוב און אָנערקענט ביי זיין פאָלק, קלוג און געלערנט, אַ צוגעלאָזטער מענטש. ער איז געווען באַקאַנט ניט נאָר מיטן אַרט לעבן פון זיין פאָלק, נאָר אויך מיט פרעמדע פעלקער און געטער. ביי אים אין שטוב האָט זיך באַזעצט משה. דאָ האָט משה געפונען זיין אַר-בעט ביי די שאָף און זיין ליבע ביי יתרוס טאָכטער צפורה.

מדין האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער פאָליטישער הערשאַפט פון מצרים, אָבער נאָר אויסערלעך. טיף אין פאָלק זיינען די מצרישע השפעות ניט אַריינגעדרונגען. לויט די מנהגים און אַרט לעבן האָט מדין זיך געפונען מער אונטער דער ווירקונג פון אַן אַנדער גרויס פאָלק פון מזרח זייט, פון בבל. די לבנה און די שטערן, דער הימל און דער רעגנבויגן, די מזלות זיינען געווען די פירער און די לערער פון מענטשן. פיצוכט איז געווען זייער אָנגעזען. משה האָט זיך אַזוי באַקענט מיט אַ נייער קולטור, מיט אַ נייעם לעבן, מיט נייע געזעצן פון דער הימלישער באַוועגונג. אָבער נאָך וויכטיקער פון די הימלישע געזעצן זיינען געווען די ערדישע געזעצן, לויט וועלכע יתרו האָט אָנגעפירט מיט זיינע מענטשן.

מעגלעך, אַז צו מדין זיינען דערגאַנגען די געזעצן פון בבלישן גרויסן מלך און געזעצגעבער אמוראפּי אָדער אמרפל. אמוראַפּי האָט געלעבט מיט עטלעכע הונדערט יאָר פאַר משהן. זיינע וויכטיקע געזעצן, וואָס האָבן רעגולירט דעם מענטשנס לעבן סיי פּריוואַט, סיי געזעלשאַפטלעך, זיינען געווען פאַרשפּרייט אויפן מזרח. משה האָט אין מדין זיך אפשר באַקענט מיט די געזעצן,

דערקענט אין זיי אַ נאָענטקייט צו דעם אַרט לעבן, וואָס ער האָט געזען ביי די עברים.

יאָרנלאַנג האָט משה אָפּגעלעבט אין מדין. דאָך קיין אייגענע ווירטשאַפט האָט ער ניט פאַרפירט. געפּיטערט דעם שווערס שאָף אויף די שפּועים פון די מדינישע בערג. משה האָט זיך קענטיק געפילט פרעמד אין מדין. זיין זון, וואָס איז ביי אים געבוירן געוואָרן, האָט משה אַ נאָמען געגעבן גרשם, — ווייל אַ גר איז ער אין אַ פרעמד לאַנד. אין מדין זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן וויכטיקע געשעענישן אין מצרים. די פּרעהס האָבן זיך געביטן. אין הויף זיינען פאָרגעקומען איבערקערענישן. די פּריערדיקע פּרעהס מקורבים זיינען אויסגעשטאָרבן, אָדער דערהרגעט געוואָרן. צו דעם אַלעם האָט זיך משה נייגעריק צוגעהערט. געדאַנקען וועגן אומקערן זיך אין מצרים, טרוימען וועגן באַפרייען די עברים, וועגן איין מעכטיקן גאָט, האָבן אַלץ עפּמער באַזוכט משהן. אַליין מיט די געדאַנקען האָט זיך משה געטראָגן איבער די מדינישע בערג. פון אייניקע פון די בערג האָט געשפּאַרט אַ רויך, און אַ פייער האָט זיך געריסן פון זיי.

און משה איז דורכגענומען געוואָרן פון געדאַנק:

— עס מוז זיין אַ לעבעדיקער, איינציקער גאָט, אַ האַר איבער אַלע לענדער, אַ גאָט, וואָס געפינט זיך אומעטום, אַ ליכטיקער גאָט, וואָס פירט אָן מיטן לעבן פון די מענטשן. און עס מוז זיין אַ פאָלק, וואָס זאָל געהאָרכן די געבאָטן פון אייביקן גאָט, אַ פאָלק, וואָס שטרעבט צו אַ ניי לעבן, אַ פאָלק, וואָס זאָל שליסן אַן אייביקן בונד, אַ ברית מיט גאָט.

ווער זאָל דאָס זיין?

— די עברים! — האָט זיך משה אַליין געענטפערט, — זיי מוזן אַרויס פון מצרים, באַפרייען זיך פון שקלאַפעריי.

אָבער וווהין זאָל מען זיי פירן? וואָס פאַר אַ לאַנד זאָל דאָס זיין?

אַ באַגייסטערטער האָט זיך משה אַלץ העכער אַרויפגעקליבן אויפן באַרג, לייכט זיך געהויבן צום בוים, וואָס איז געוואַקסן אויפן באַרג, — צום סנה. דער באַרג ציט צו זיך. נאָך אַ

טראָט. נאָך אַ טראָט. העכער, העכער, נעענטער צום פייער. דאָרט, ווו דער סנה לויכט, ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, אַזוי ווי די זון, וואָס שטראַלט, וואַרעמט, ברענט און ווערט ניט פאַרברענט; אַלע פרימאָרגן גייט זי אויף פונדאָסניי.

אַ גרויסע זעונג, אַ ווונדערבאַרע זעונג! מראה גדול!

און משה הייבט זיך אַלץ העכער, וויל צוגיין נעענטער, זיך אַריינקוקן אין דער הערלעכער זעונג, און ער הערט אַ שטים:

— משה, משה! גיי ניט נאָענט אַהער; טו אויס די שיך פון דיינע פיס, דער אָרט, וואָס דו שטייסט אויף אים, איז הייליק!

און די שטים לאָזט ניט אָפּ:

— באַפריי די בני ישראל; גיי צו פּרעהן, ער זאָל אַרויסלאָזן די עברים, ברענג זיי אַהער!

ווי דער סנה האָט געלויכטן און געשטראַלט, אַזוי איז משה געווען באַשטראַלט פון נייעם געדאַנק, — גיין צוריק אין מצרים און באַפרייען די עברים, זיי פירן אַהער צום באַרג סיני.

אָבער אין וועמעס נאָמען וועט ער עס טאָן? ווי הייסט דער גאָט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ קראַפט?

— אהיה אשר אהיה. אייביק וועל איך זיין. אין נאָמען פון איינציקן לעבעדיקן גאָט דאַרף פאָרקומען די באַפרייונג, מיט זיין קראַפט דאַרף מען זיך ווענדן צו פּרעהן.

אָבער צי בין איך דער פּאַסנדער שליח? — האָט משה ווײַטער געטראַכט. — וועט דען פּרעה מיר געהאָרכן און אַרויסלאָזן די עברים, און צי וועלן די עברים אַליין זיך אָנטרויען אין מיר? זאָל גאָט אויסקלייבן אַן אַנדער שליח!

אָבער גאָט לאָזט משהן ניט אָפּ. די שטים, דער באַרוף וועקט אים, רופט אים טאָג און נאַכט, — גיי צו פּרעהן, צי׳ אַרויס מיין פאָלק פון מצרים!

שטענדיק איז פאַר משהס אויגן דער ברענענדיקער סנה, אין זיינע אויערן קלינגט דער רוף פון אייביק לעבעדיקן גאָט:

— צי אַרויס די עברים פון מצרים!

און משה לאָזט זיך צוריק אין מצרים.

# יציאת מצרים

האָט משה איצט באַנייט די יוגנטלעכע פאַרבינדונגען אין פּרעהס הויף, אָדער ער איז געקומען, ווי אַ נייער מענטש מיט דער אויפגאַבע צו באַפרייען די עברים?

דער חומש גיט אַן אָנדייטונג פאַר דער לעצטער השערה, — געשטאָרבן זיינען אַלע מענטשן, וואָס האָבן געזוכט דיין לעבן — (שמות ד׳, 19). עס שטימט מיט דער געשיכטע פון מצרים פאַר יענער צייט, ווען נאָך עכנאַטאָנס טויט האָבן זיך אָפּגע־בימן די פּרעהס, זייערע כוהנים און מקורבים, מען האָט רעס־טאַווירט די אמונה אין אמון און אָסירים, אריבערגעפירט די הויפּטשטאָט ווידער אין נא־אמון. דערנאָך האָט זיך געביטן די גאַנצע 18טע דינאַסטיע. עס איז געקומען די 19טע מיט די פּרעהס — רעמסס. רעמסס דער צווייטער איז טאַקע דער פּרעה, וואָס האָט געבויט די פיל גרויסע געביידעס און פאַרשקלאַפטע פעלקער האָבן געאַרבעט בחומר ובלבנים, געקרעכצט אונטערן יאָך. דער פּרעה האָט אויך מלחמה געהאַלטן מיט די פעלקער פון סיריע.

משה איז אַזוי געקומען אין אַ נייער שטאָט, צו נייע מענטשן, נאָר די קנעכטשאַפט פון די עברים איז געבליבן, ווי פריער.

משה האָט זיך געווענדעט צו די עברים — געוואָלט אַרויס־רופן ביי זיי אַ שטרעבונג צו פרייהייט, דערמאָנען זיי וועגן יאָך פון מצרים. דאָס פאָלק האָט זיך צוגעהערט צו משהס רייד. זיינע ווערטער האָבן געטראָפן טיף אין האַרצן. הייסע אָנהענגער האָט משה געפונען צווישן שבט לוי. ביי זיי האָבן מער, ווי ביי אַנ־דערע שבטים געלעבט די טראַדיציעס פון די אבות, די געשיכ־טעס וועגן אברהמען, יצחק און יעקבן; זיי איז געווען שווערער ווי אַנדערע אַריבערצוטראָגן דעם יאָך פון מצרים.

איז נים געקומען די צייט צו באַפרייען זיך פון קנעכטשאַפט?

די לוויים האָבן געוועקט די האָפענונגען אויך ביי אַנדערע שבטים. פון מויל צו מויל, פון שטוב צו שטוב האָט מען ווונדער דערציילט פון נייעם פירער, וואָס וויל פאַראייניקן אַלע

שבטים אין איין פאָלק, זיי אַרויספירן פון מצרים אין אַן אייגן לאַנד. דער שבט לוי איז געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פון דער גאַנצער באַוועגונג, גרייט אויסצופירן יעדן באַפעל פון משהן. אהרון און זיין שוועסטער מרים פון שבט לוי האָבן זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער אַרבעט, זיך געשטעלט אין משהס רשות. עס איז געווען די ערשטע שפּראָצונג פון דער פרייהייטס־באַוועגונג. זי האָט זיך דערווייל געפירט געהיים, האָט פאַרכאַפּט אַלץ גרעסערע קרייזן פון די עברים. מענטשן זיינען געווען גרייט דעם לעבן אַוועקצוגעבן, נאָר באַפרייען זיך פון יאָך. דער נאָמען משה איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. עס איז אַ געטלעכער מאַן, וואָס איז געקומען באַפרייען זיין פאָלק.

ערשט נאָכדעם, ווי משה האָט געוווּנען דעם צוטרוי פון די עברים, האָט ער זיך געווענדעט צו פּרעהן, צו די מצרים.

דאָ האָט משהן גוט געדינט זיין קענען די מצרישע חכמות, די שפּראַך, זיין וויסן די סודות פון מצרישן כשוף, אַלע שפּעל־טעלער און הינטערקוליסן פון פּרעהס הויף.

אין וועמענס נאָמען האָט משה געקענט ריידן צו פּרעהן?

ריידן אין נאָמען פון שקלאַפן, פאָדערן פאַר זיי פרייהייט, האָט מען ניט געקענט ביים הערשער פון מצרים, און משה האָט זיך געווענדעט אין נאָמען פון אַ נייעם איינאיינציקן גאָט יהוה.

יהוה פאָדערט, אַז זיין פאָלק ישראל זאָל גיין אין מדבר פאַר אים קוילענען. אים דאָרט דינען.

אָבער פּרעה קען אַלע געטער, איז אַליין אַ גאָט און האָט קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ גאָט, וואָס קומט צום הערשער פון מצרים מיט אַ פאָדערונג, מען זאָל אַרויסלאָזן פון לאַנד שקלאַפן. ווער איז דאָס אַזאַ גאָט? ווי זעט ער אויס? און פאַרוואָס מוז פּרעה אים געהאָרכן?

— דאָס איז דער גאָט פון די עלטערן פון די עברים.

אָבער שקלאַפן האָבן ניט קיין יחוס, ווייסן ניט פון עלטערן, און עס איז אַ חוצפּה קומען צו פּרעהן אין נאָמען פון עברישן גאָט, קומען בעטן אַרויסלאָזן זיי אין מדבר.

משה פּרוווט מילדערן פאַר פּרעהן זיין פאָדערונג. די עברים

פאַרלאָזן ניט אינגאַנצן מצרים, — „אַ וועג פון דריי טעג אין מדבר“ — אַזוי אומקלאָר פאָרמולירט משה די צייט, אויף וועלכער די עברים גייען אַוועק.

אָבער פרעה וויל ניט פאַרלירן קיין קנעכט, קיין אַרבעטער, אַפילו אויף דריי שעה. פרעה באַנעמט די זאַך אַזוי, אַז משה און אהרון שטערן די עברים אין דער אַרבעט. ער זעט, אַז דער רוף אַרויסצוגיין פון מצרים, דינען עפּעס אַ נייעם גאָט, דער גלויבן אין משהן האָבן פאַרכאַפּט אַלע עברים. עס איז אַ געפאַר פון אַ שקלאַפן־בונט, און פרעה זוכט אָפּצושוואַכן דעם אַווטאָריטעט פון משהן, אים אַראָפּוואַרפן אין די אויגן פון די עברים. ער וועט ווייזן די עברים די טובות, וואָס זייערע פירער טוען זיי.

— מען זאָל ניט אַרויסגעבן קיין שטרוי, די צאָל ציגל אָבער טאָר ניט געמינערט ווערן! — דאָס איז געווען פרעהס ענטפער אויף דער ערשטער פאָדערונג אַרויסצולאָזן די עברים פון מצרים.

ציגל אין מצרים האָט מען ניט געברענט אין אויוון. מען האָט געמישט ליים מיטן שליים פון טייך, צוגעגעבן געהאַקטן שטרוי און אויסגעטריקנט אויפן זון. פון איצט אָן מוזן די עברים אַליין אויפקלייבן די שטרוי און דערביי אַרויסגעבן די זעלביקע צאָל ציגל. די נוגשים מיט די שטעקנס אין די הענט האָבן שוין געזאָרגט, די אַרבעט זאָל אָפּגעטאָן ווערן. קלאָגן זיך האָט ניט געהאָלפן. „פוילער זייט איר, פוילער, אין מדבר ווילט איר גיין, קוילענען פאַר אייער גאָט!“ — האָט מען זיי געענטפערט.

די לאַגע פון די עברישע שקלאַפן האָט זיך פאַרערגערט. די מצרישע הערשער האָבן ריכטיק אויסגערעכנט. די אומצופרידנקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף די פירער. פאַרמאַטערט און פאַרצאָרנט האָבן די עברים מער ניט געוואָלט הערן משהן, — אַ שווערד אין די הענט פון אונדזערע אונטערדריקער האָט איר אַריינגעגעבן. — אַזוי האָבן די אויסגעמאַטערטע שקלאַפן געטענהט צו משה און אהרונען.

משה איז נאָך ניט פאַרהאַרטעוועט אין קאַמף און ער וויל זיך צוריקציען: „אָנשטאָט ראַטעווען דעם פאָלק, האָב איך אים

נאָך אַ רעה געטאָן", פּרעה באַגייט זיך איצט מיטן פאָלק ער־גער, ווי פריער.

דאָס איז דער אוטאָפּיסטישער פּעריאָד פון קאַמף, ווען דער טרוימער־באַפרייער מיינט, אַז מיט רייד וועט ער ווירקן אויפן קעגנער. און גאָט זאָגט צו משהן: „אַצינד וועסטו זען, וואָס איך וועל טאָן פּרעהן, וואָרום דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסלאָזן, דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסטרייבן פון לאַנד."

פּרעה וועט אַרויסלאָזן די עברים נאָר נאָך אַ שווערן קאַמף.

אין מצרים האָבן זיך אָנגעהויבן עפּידעמיעס, פּלאָגן, מכות; אין וואַסער, אויף דער ערד, אין לופט, ביי די געוויקסן, חיות, מענטשן.

שטענדיק פאַרן אָנקוועלן די וואַסער אין טייך, ווערט דער גילוס רויט. דאָסמאָל אָבער איז ער געוואָרן ווי בלוט, רויט און געדיכט. מענטשן האָבן מורא געהאַט צו טרינקען.

פּלוצלונג האָט אַ האָגל אויסגעשלאָגן אין מיטל־מצרים. דאָרטן איז עס אַ זעלטענע דערשיינונג. קיינער האָט ניט געוווסט און ניט געדענקט פון אַזעלכע זאַכן. עס האָט געדונערט און גע־בליצט, און אַ שווערער האָגל האָט איינגעשלאָגן אַלץ, וואָס איז געווען אויפן פעלד. מענטשן, בהמות, געוויקסן, ביימער האָט ער צעבראָכן. די גאַנצע פּלאַקס איז אומגעקומען, ווייל די פּלאַקס האָט שוין געבליט. אויך די גערשטן, ווייל דער גערשט איז שוין געווען אין זאַנג, נאָר די ווייץ איז גאַנץ געבליבן, ווייל זיי ווערן שפּעט צייטיק.

אין גושן האָט קיין האָגל ניט אויסגעשלאָגן. קיין ערד האָבן די עברים ניט געהאַט און פון האָגל ווייניק געליטן. בכלל האָבן די עברים, וואָס האָבן געלעבט אָפּ־געזונדערט, ווייניקער געליטן פון די מגפות.

ביי די מצרים האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די מכות אין לאַנד קומען ווי אַ שטראָף צוליב די עברים, אַז זייער גאָט נעמט זיך אָן פאַר זיי, אַז ביי זיי איז דאָ אַ הייליקער מאַן משה, וועלכער קעמפט מיט פּרעהן, און פּרעה קען אים ניט באַזיגן.

אַז ער איז קליגער פון די חכמים און געלערנטער פון די חרטו־
מים און מכשפים; נאָר ער קען ראַטעווען דאָס לאַנד פון אומ־
גליק. משהס אָנזען איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג אַלץ מער
אַלע האָבן געוווסט פון אים, אַלע האָבן געהאַט פון אים צו
דערציילן. מען האָט דערציילט, אַז ער איז פרעהס אַ זון און
האָט אַליין געזאָלט פאַרנעמען פרעהס אָרט. ער אָבער איז אַוועק
פון הויף און נעמט זיך אָן פאַר די פאַרשקלאַפטע עברים.

פרעה האָט פון די קלאַנגען געוווסט און מורא געקראָגן פאַר
משהן. צווישן די יועצים האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן
געראָטן דורכקומען מיט משהן. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס
האָבן געוואָלט פטור ווערן פון די עברים. די שרעק פאַר משהן,
פאַר זיין גאָט, וואָס שטראָפט מצרים, וואָס נעמט זיך אָן פאַר
צעבונטעוועטע קנעכט, האָט זיך אַריינגעריסן אין הויף.

און דעמאָלט איז פרעה איינגעגאַנגען אויף פשרות.

— צו וואָס אַרויסגיין פון לאַנד? מען קען דאָך אויף אַן אָרט
קוילענען פאַר דעם גאָט פון מדבר.

אָבער משה איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. מען קען אין
אַ פרעמד לאַנד ניט דינען פריי צו גאָט. אויסער דעם וועט דאָס
קוילענען באַליידיקן די רעליגיעזע געפילן פון די מצרים.

דעמאָלט האָט פרעה פאָרגעלייגט, אַז נאָר די מענער זאָלן
גיין, די קינדער אָבער, די ווייבער זאָלן בלייבן. און אויך אויף
דעם איז משה ניט איינגעגאַנגען.

— מיט דער גאַנצער משפחה, אַלט און יונג, פרוי און קינד.
אַפילו מיט די שאָף, מיט דעם האָב און גוטס וועלן די עברים
גיין אין מדבר.

אין דעם קאַמף בייגט זיך אַלץ מער דער נצחון אויף משהס
זייט. און דאָך פאַרגעסט זיך ניט משה אין קאַמף, זוכט ניט
קיין נקמה. ווען פרעה גיט זיך אויף אַ ווייליע אונטער, איז משה
דער, וואָס בעט ביי גאָט פאַר אים, שרייט צו גאָט, ער זאָל
אַראָפּנעמען די שטראָף פון מצרים. פרעה וואַקלט זיך אַלץ. דאָ
ווענדעט ער זיך צו משהן, ער זאָל בעטן גאָט פאַר אים, און דאָ
האָט פרעה ווידער חרטה; ניט געקענט מיט גוטן אַרויסלאָזן פון

לאַנד אַ גאַנצע מחנה אַרבעטער, פּאַסטעכער מיט זייער האָב און גוטס.

די באַפרייונגס־באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט ניט נאָר די עברים, נאָר אויך אַ גרויסן טייל פון מצרישן פאָלק. דער גרעסטער טייל פון די מצרים האָט אַליין געקרעכצט אונטערן יאָך פון די באַ־צווינגער. דער פויער האָט אויף זיינע פּלייצעס אָפט געפילט דעם מצרישן שטעקן. די אָפּצאָלונגען פאַרן הויף, פאַר די כוהנים, אויף צו פירן מלחמות, זיינען געווען ניט צו דערטראָגן. די לעצטע ביסל תבואה, פּרוכטן, וועגער רעדט, אויב עס איז געווען אַ בהמה, האָט צוגענומען דער צינזן־מאָנער. אויב דער צאָלער האָט גאָרנישט געהאַט, אָדער עפּעס אויסבאַהאַלטן פון זיין האָב און גוטס, האָט מען אים אַרויסגעפירט און אַזוי לאַנג געשלאָגן, געפּייניקט, ביז וועגער פון דער משפּחה, אָדער פון די שכנים האָט פאַר אים באַצאָלט, כדי צו ראַטעווען פון טויט.

ניט איינמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד צווישן געפּייניקטן פאָלק. דער אויפשטאַנד האָט זיך אָפט געפירט אין נאָמען פון פּרעהס אַ מקורב, אַ זון, וועלכער איז באמת אָדער כלומרשט געווען אַ פריינד פון פאָלק. אַזעלכע בונטן האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט שמיץ, תליות, וואַרפן מענטשן פאַר קראָקאָדילן, און דאָך זיינען די בונטן פונדאָסניי ווידער און ווי־דער אויפגעקומען.

איצט האָט דער אויפשטאַנד פון די עברים, אונטער דער אָנפירונג פון משה, מיטגעריסן מיט זיך אַסך ניט עברים און גע־פונען אַ ;ינסטיקן באָדן ביי אַלע געליטענע, אומצופרידענע. זיי זיינען געווען אַלע גרייט אַרויסצוגיין פון לאַנד, אָננעמען אַ נייעם גאָט. דאָס איז געווען אַן ערב רב, — אַ גרויס געמיש פון פעל־קער און שטאַנדן. דער „גרויסער געמיש“ האָט זיך שפּעטער לאַנג געלאָזט פילן ווי אַ באַזונדערער, פרעמדער שטראָם אין דער עברישער מחנה. דערווייל אָבער זיינען דאָס געווען איבער־געבענע נאָכלויפער, וועלכע זיינען געווען טריי דעם פירער. זיי האָבן געשאַפן אין מצרים אַ גינסטיקע אַטמאָספער פאַר דעם עברישן אויפשטאַנד, פאַרשטאַרקט זיין כח און פאַרגרעסערט די

מורא ביי פּרעהן און זיינע מקורבים פֿאַר משהן און פֿאַר דער באַוועגונג, וואָס ער האָט אויפֿגעהויבן אין לאַנד.

און דער נס איז געשען.

אין אַ ליכטיקן פרילינגס־באַגינען זיינען די עברים, צוזאַמען מיט די אויפגעשטאַנענע פון אַנדערע פעלקער, אַרויס פון לאַנד. מיט אויפגעהויבענע קעפּ, זיכערע, פרייליכע, זיינען געגאַנגען די באַפרייטע שקלאַפן אונטער דער אָנפירונג פון משהן.

די באַפרייונג איז געבליבן אין זכרון פון ניי־אויסגעבילדעטן פֿאָלק, ווי אַן אייביק ליכטיקע געשעעניש. פּסח איז געבליבן דער הערלעכסטער יום־טוב, דער ערשטער היסטאָרישער יום־טוב, ווען די געשעענישן פון עבר ווערן איינגעקריצט אין דער צוקונפט.

# קדש

ווהין און מיט וואָס פאַר אַ וועג זאָל מען פירן עקזאַלטירטע שקלאַפן, אַ געמיש פון עברים מיט מצרים, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס באַפרייט פון שקלאַפעריי?

דער נאָענטסטער און גלייכסטער וואָלט געווען דער וועג, וואָס האָט שפּעטער געהייסן דער פלשתים־וועג. ער האָט זיך געצויגן צפון־מזרחדיק, פּאַזע דעם ים. די עברים אָבער זיינען נאָך ניט געווען דיסציפּלינירט און ניט באַוואָפנט. זיי זיינען ניט געווען קיין קראַפט, מיט וועלכער מען זאָל זיך קענען דורכברעכן אַ וועג און פאַרנעמען אַ לאַנד.

משה האָט אויסגעקליבן אַן אומוועג, — לאָזן זיך דורכן מדבר צו אַ וואַסער־צונג פון ים־סוף, דערנאָך אומקערן זיך צוריק און אויסדרייען זיך צום רויטן ים.

שווער איצטער צו באַגרייפן די סיבה פון אַזאַ אומוועג, וואָס האָט געבראַכט צו יאָרנלאַנגע וואַנדערונגען אין מדבר און וואָס האָט געשטעלט אין סכנה, די גאַנצע מחנה זאָל אומקומען פון הונגער און דאָרשט.

מעגלעך, אַז אין מצרים איז משה געווען פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר דער באַפרייונג און ניט געהאַט קיין צייט אויסצואַר־

בעטן אַ גענויעם פּלאַן, וווהין און מיט וואָס פאַר אַ וועג צו גיין. די באַפרייונג איז געקומען פּלוצלונג, ספּאָנטאַן, גיכער, ווי מען האָט עס דערוואַרט, ניט באַוויזן אַפילו קיין ברויט אויסצובאַקן; פאַרמישט וואַסער מיט מעל — מצות, הייסט עס — און דאָס מיטגענומען אין וועג. מעגלעך, אַז די סיבה פון אומוועג איז געלעגן אין מצרישן גרעניץ. ער האָט זיך געצויגן ווייט צו צפון, פאַרביי דעם מיטללענדישן ים, אין כנען אַריין. מיט דעם וועג וואָלטן די עברים נאָך לאַנג זיך געפונען אין רשות פון דער מצרישער הערשאַפט. משה אָבער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון די מצרישע צוואַנגען און אַוועקגעפירט זיין מחנה צו דרום, צום מדבר, אויפן וועג צו מדין. דורך אַ היילן, פוסטן מדבר איז געלעגן דער וועג, אָבער אַזאַ, וואָס איז משהן געווען באַקאַנט פון זיין יוגנט, ווען ער איז שוין געלאָפן פון מצרים איינער אַליין, — איצטער מיט אַ גאַנצער מחנה.

די השערה לאָזט זיך מאַכן דערפאַר, ווייל אויך דעמדאָזיקן נאָענטן גרעניץ זיינען די עברים דורך ניט גלאַט, נאָר נאָך אַ שטרייט מיט די מצרים. דער מצרישער חיל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער גרעניץ, האָט באַקומען די אויפגאַבע נאָכצופאָלגן די עברים. די מצרים זיינען געווען זיכער, אַז די עברים בלאָנדזשען, דרייען זיך אַרום אָן אַ ציל. רייטער האָבן זיך געלאָזן צום ים פאַרפאָלגן די בלאָנדזשענדיקע מחנה.

ביי די עברים האָט זיך אויפגעהויבן אַ מהומה, — פון איין זייט דער ים, פון דער אַנדער זייט די מצרים.

— עס פעלן דען קברים אין מצרים, וואָס דו האָסט אונדז גענומען צו טויטן אין מדבר! — האָבן די עברים געטענהט.

משהס אויפגאַבע איז איצט — וועקן דעם מוט, דעם גלויבן, אויסבילדן פון שקלאַפן פרייע מענטשן, פון פחדנים — העלדן. שוואַכע צוליב זייער שרעק, האָבן זיך די עברים פאַרוואַנדלט אין גבורים, ווי נאָר זיי האָבן באַקומען מוט, האָפענונג. משה האָט געגעבן אַ ציל, אַ שטרעבונג, געשאַפן אַ פאָן, די ערשטע פאָן אין דער געשיכטע. זיין „שטעקן“ איז געווען ניט אויף צו שלאָגן מענטשן, נאָר דעם ים, דעם שטיין. זיין שטעקן (מטה)


Ex bibl. univ. Tart.

איז געוועזן די פּאָן, וועלכע ער האָט אויפגעהויבן הויך, די גאַנצע מחנה זאָל זען און זאָל זיך באַגייסטערן, פאַרגעסן אָן געפאַר. אַזוי האָבן די עברים מנצח געווען, דערטרונקען די מצרים און אַליין דורך דעם וואַסער.

די פרייד פון דעם נצחון, פון דער ענדגילטיקער באַפרייונג, האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ ליד, עס איז דער דיכטערישער אויס־דרוק פון גלויבן אין קראַפט פון גאָט. דער שוואַכער האָט זיך געשטאַרקט און מנצח געווען.

— אָז ישיר משה, — דעמאָלט האָט משה געזונגען!

מרים און די פרויען, וואָס האָבן אָנטייל גענומען, אויב ניט אין קאַמף, איז אין פרייד פון קאַמף, זיינען אַרוים מיטן פּויק, מיט טענץ.

די גאַנצע מחנה האָט זיך צוזאַמען געפרייט איבערן נצחון, צוזאַמען געזונגען. עס איז די ערשטע טריט אויסבילדן פון שקלאַפן אַ פאָלק.

אַזוי האָבן זיך די עברים ענדגילטיק באַפרייט פון דער מצרי־שער הערשאַפט און אַריינגעפאַלן אין די צוואַנגען פון מדבר. ערשט איצט איז אויפגעשווומען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט: ווהין און מיט וואָס פאַר אַ וועג זאָל מען גיין?

אין דער מחנה האָט זיך שוין געפילט הונגער און דאָרשט און צוזאַמען דערמיט — די ערשטע אומצופרידנקייט מיט משהן.

— צו וואָס האָסטו אונדז אַרויסגעבראַכט פון מצרים, טויטן אונדז און די קינדער מיט דאָרשט?

דער מאָטיוו וועט זיך נאָך ניט איין מאָל איבערחזרן אין מדבר. און משה שרייט צו גאָט: וואָס זאָל איך טאָן מיטן פאָלק, נאָך אַ ווײַלע און מען וועט מיך פאַרשטיינגען!

די שטראָף פון פאָלק גיסט זיך אויס אויפן אָנפירער.

אָבער משה ווייס אַלע באַהאַלטענע ערטער פון מדבר, אַלע גראָזן, צווייגן, מיט וואָס צו היילן די וואַסער, מאַכן פון ביטערע שעדלעכע וואַסער — פרישע און געזונטע. דאָס קראַנקע קען מען היילן — אַזוי וואַסער, אַזוי דעם מענטשן. דאָס איז דער נייעס, וואָס משה האָט אַריינגעטראָגן פון גאָטס נאָמען. און אויב

עס איז ערגעץ קיין שום וואַסער ניטאָ, געפינט אים משה אונ־
טער אַ שטיין.

די מחנה האָט געשטילט דעם דורשט.

דאָס זיינען, פאַרשטענדלעך, צופעליקע רעטונגען. ווו געפינט
מען אין מדבר אַ שטענדיקן וואַסער, אַ גרעזעלע, אַ בוים אָפּ־
צורוען זיך פון ברענעדיקער זון, דערקוויקן זיך מיט אַ פרוכט?
און דאָס ניט פאַר איין מענטשן, נאָר פאַר אַ גרויסער מחנה
מענער, ווייבער, קינדער און שאָף.

משה האָט געוווסט פון קדש, אָדער עין קדש, ווי עס הייסט
איצטער. דאָס איז נאָך ביז היינט דער גרעסטער אָאַזיס אין
יענעם מדבר. ער האָט אַ טאָג וועג אין דער לענג און עטלעכע
קילאָמעטער אין דער ברייט. צוויי רייזנדער האָט זיך איינגעג־
געבן צו באַזוכן דעם אָאַזיס אין 19־טן יאָרהונדערט. דאָס זיינען
ראָלאַנד און טרומביל. זיי האָבן געפונען אַ גרויסן פלאַץ ערד,
באַדעקט מיט גרינעם גראָז, עטלעכע שטאַרקע קוואַלן; פליסיקע
טייכלעך שניידן דורך דעם אָאַזיס.ביימער, בלומען, געוויקסן.
אַרום פליען בינען, וואַכטלען (שלו), וואָס די עברים האָבן גע־
געסן, — אַ גרינער אינדזל אין געלן ים פון וויסטעניש, אַ גן־עדן
אין מדבר.

אָט וואָס דער רייזנדער טרומביל דערציילט וועגן זיין באַזוך
אין קדש:

„פון א טרוקענער, איינזאַמער און ברענענדיקער וויסטעניש זיי־
נען מיר, ווי דורך אַ כישוף, אַריינ־געקומען אין אַ פּרעכטיקן גרי־
נעם אָאַזיס. עס איז געווען אומדערוואַרט און ניט צו פאַרשטיין,
ווי אַזוי קומט עס. אַ פייכטער גראָז האָט באַדעקט דעם באָדן.
פייגנביימער מיט כמעט רייפע פרוכטן זיינען געשטאַנען לענג־
אויס דעם באַרג, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם אָאַזיס פון מדבר.
קוסטעס און בלומען אָן אַ שיר. אונטערן גראָז, וואָס האָט זיך
געשאָקלט, האָט זיך געלאָזט הערן אַ פליסנדער וואַסער. דער
וואַסער אַליין איז געווען מערקווירדיק ריין און זיס און גאָרניט
צו פאַרגלייכן מיט קיין אַנדערע וואַסער, וואָס מיר האָבן גע־
טרונקען, זינט מיר האָבן אָפּגערייזט פון ניל. מיט דער רייכ־

קיים פון פאַרשיידענע גראָזן און בלומען דערמאָנט דער אָאַזיס די געביטן פון גיי־ענגלאַנד. צום ערשטן מאָל האָבן מיר אַזוינס געזען אויפן סינאיער האַלב־אינדזל. די בינען זשומען און די פייגל פלאַטערן פון איין בוים צום אַנדערן. פון גראָז, אַנשטאָט פון זאַמד, האָבן די מוראַשקעס געמאַכט זייערע הייזעלעך. מיט אונדזער אָנקומען האָבן מיר איבערגעשראָקן די פייגלעך, דעם וואַכטל, די קראָליקעס.

אָן אַ זייט, אין דער פלאַך עין־אל־קדרת, זיינען די גראָז, צווייגן, ביימער מיט יעדן טריט געוואָרן אַלץ געדיכטער, די אַקאַ־ציע, וואָס די אַראַבער רופן סעיא (שטה?), האָט זיך ברייט פו־נאַנדערגעוואַקסן. דער וואַסערשטראָם האָט מיט אַ גערויש זיך אַרויסגעריסן פון באַגרינטן באַרג.״

אָט וו משה האָט געפירט די עברים.

פאַרשטייט זיך, אַז דער צוגאַנג צום אָאַזיס איז ניט געווען פריי פון שונאים. מענטשן־שונאים האָבן געלויערט אויף יעדערן, וואָס האָט זיך געוואָלט דערנעענטערן צו קדש. דאָס זיינען געווען קודם כל די עמלקים, אַ שטאַרק פאָלק, וואָס האָט געהאַט שוין דעמאָלט אייגענע שטעט, פעסטונגען. זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף די וואַנדערנדיקע עברים ביי רפידים, ניט ווייט פון קדש. די עברים זיינען נאָך געווען שוואַך, משה אַליין האָט זיך ניט געפילט פאַר קיין קריגספירער. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַן אַנדער פעיקייט פון אַ פירער — פאַרשטיין מענטשן, אויפזוכן די נוי־טיקע מענטשן צו דער פאַסנדיקער אַרבעט. דער יונגער יהושע איז געווען דער פאַסנדער מענטש דערצו. אים האָט משה אי־בערגעגעבן פירן דעם קריג.

— קלייב פאַר אונדז אויס מענטשן און גיי אַרויס, האַלט מלחמה מיט עמלק, איך וועל זיך מאָרגן שטעלן מיט גאָטס שטעקן אין האַנט, — אַזוי האָט זיך משה געווענדעט צו יהושען.

שטעלן זיך מיט „גאָטס שטעקן אין האַנט“ — איז אַ באַ־שיידענע און צוזאַמען אַן אויסטערלישע אויפגאַבע, — הויך אויפהייבן גאָטס שטעקן, דאָס פאָלק זאָל שטענדיק האָבן פאַר די אויגן דעם ציל פון מלחמה, האָבן פאַר זיך אַ צוציונגס־קראַפט:

„און ווען משה האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, האָט גובר גע־
ווען ישראל, און ווען ער האָט אַראָפּגעלאָזן, האָט גובר געווען
עמלק.“

האָט מען אונטערגעהאַלטן משהס אָרעמס אַזוי לאַנג, ביז
ישראל האָט גובר געווען איבער עמלק. דער ערשטער וויכטיקער
מיליטערישער נצחון.

דאָס האָט געשטאַרקט דעם באַוווּסטזיין פון די עברים. עס
איז אַ וויכטיקער שריט פאָרויס, אויסצובילדן פון אַ מחנה שקלאַפן
אַ באַוווּסטזיניק פאָלק.

אָט די וויכטיקע געשעעניש האָט משה פאַרשריבן אין אַ ספר
צום אָנדענק: „שרייב דאָס אויף פאַר אַ געדעכעניש אין אַ בוך
און טו עס אין די אויערן פון יהושען, אַז אויסמעקן וועל איך
אויסמעקן דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימל“ (שמות ז׳,
14). מיר זיינען דאָ ביים אָנהייב פון היסטאָריאָגראַפיע אין דער
מענטשלעכער קולטור, ווו עס איז אָנגעוויזן דער ציל פון פאַר־
שרייבן געשיכטע — לזכרון פאַר די קומעדיקע דורות.

# מתן תורה און די זינד מיטן קאלב

עס זיינען אַריבער דריי חדשים נאָכן אַרויסגיין פון מצרים.
דאָס זיינען געווען די ערשטע האָניק־חדשים. די מצרים, וואָס
האָבן נאָכגעיאָגט, זיינען דערטרונקען; די ערשטע פאַרפאָלגער, די
עמלקים, זיינען באַזיגט און אין מדבר איז מען דערגאַנגען צו אַ
גליקלעכן באַוואַסערטן ־רינעם אָאַזיס, צו קדש.

איצט איז פאַר משהן געשטאַנען אַ נייע אויפגאַבע, — געבן
די עברים פעסטע געזעצן, אַ גלויבן אין איין גאָט, וואָס וועט זיי
צונויפשמעלצן אין איין פאָלק און געבן אַן אינהאַלט צום ווײַ־
טערדיקן אייביקן לעבן. דער באַרג סיני האָט צו זיך גערופן
משהן. דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל קלאָר געמאַכט זיך זיין
באַרוף. עס איז געווען אַ סימן פון דער ווירקלעכקייט און ריכ־
טיקייט פון זיין טרוים, — קומען צוריק דינען גאָט אויף דעם
באַרג, ברענגען אַהער דעם פאָלק ישראל.

הויך איז געווען דער באַרג. אַ ווולקאַן, איינגעהילט אין אַ רויך, און אַן אימה האָט ער אָנגעוואָרפן אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין טאָל פון יאור; אויף מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין הויכן באַרג ניט געזען, ווער רעדט אַזאַ, פון וועלכן עס שפּאַרט אַ געדיכטער רויך. נאָך פרעמדער און שרעקלעכער איז געווען פאַר זיי דער גאָט, וואָס רעדט פון באַרג, אַ גאָט, וואָס האָט ניט קיין בילד, קיין געשניץ, וואָס קיינער האָט אים ניט געזען און קיינער וויים ניט, ווי ער זעט אויס, און דאָך פאָדערט ער און פאַרפליכטעט צו אַ נייעם לעבן. די געטער פון מצרים האָבן זיך ניט געמישט אין מענטשנס לעבן. געשלאָגן זיך אָדער גוט געלעבט צווישן זיך, חתונה געהאַט, קינדער געבוירן, מענטשן האָט עס ניט באַרירט. אַנדערש איז משהס גאָט. ער איז איינאיינציקער, פאַרטראָגט ניט קיין אַנדערע געטער, באַשטראָפט פאַר עובר זיין זיינע געבאָטן און טוט חסד מיט די, וואָס פירן אויס זיינע מצוות.

פאַרוואונדערט און דערשטוינט זיינען די עברים פון די געבאָטן; נעבאָטן, וואָס דערציילן גאָרנישט פון גאָטס לעבן, נאָר דערציילן, אַז ער איז דער גאָט, וואָס האָט אַרויסגעצויגן די עברים פון מצרים, באַפרייט פון שקלאַפעריי. קיין בילד טאָר מען פאַר אים ניט מאַכן און זיין נאָמען ניט באַנוצן צום פאַלשן. דאָס איז אַלץ. קיין וואָרט ניט וועגן מתנות פאַר גאָט.

דאָס זיינען אָבער נאָר דריי געבאָטן. די ווייטערדיקע זיבן איז די געטלעכע אָנפירונג מיטן מענטשנס לעבן.

דער וויכטיקסטער פון אַזעלכע געבאָטן איז — היטן שבת. זעקס טעג אַרבעטן און דעם זיבעטן פולשטענדיקע רו. „דו זאָלסט קיין אַרבעט ניט טאָן, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט, דיין בהמה און דיין פרעמדער, וואָס איז אין דיינע טויערן." אַ פולשטענדיקע רו. הייליק איז דער טאָג.

ביז היינט איז נאָך געווען ניט אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון דעם געבאָט, וואָס האָט געגעבן די מענטשן באַפרידיקונג און דערהויבנקייט, סאָציאַלע אויסגלייכונג פון האַר און קנעכט, פון איינעם און פרעמדן.

עס איז דער גרויסער, געטלעכער אַריינדראַנג אין ווילדן אומ־געצוימטן לעבן פון אורמענטש, וועמעס לעבן האָט ניט געהאַט קיין סדר און קיין געבאָטן, אויסער די געבאָטן פון הונגער און דורשט. שפּעטער האָבן אויך די גריכן און די רוימער איבערגע־נומען דעם שבת. ביי זיי איז עס אָבער געבליבן מער ניט ווי אַן אויסערלעכער רו־טאָג. ביי די נאָכפאָלגער פון דער תורה איז שבת אַ יום־טוב, וואָס פירט אַז און דערהייבט דעם מענטשנס לעבן, פאַרענדיקט די שאַפונג פון דער וועלט, און דער מענטש אַליין ווערט אין דעם טאָג אַן אַנדער שאַפונג. מיט דער צייט איז שבת געוואָרן ביי די יידן דער געליבטסטער און טייערסטער טאָג. מען האָט אים באַגעגנט מיט גרויס פרייד, ווי אַ געליבטער חתן באַגעגנט זיין כלה. טויזנטער יאָרן זיינען פאַרבייגעגאַנגען און יעדן זיבעטן טאָג באַגעגנט נאָך אַלץ דער חתן זיין געליבטע כלה מיט פרישער פרייד און ליבע.

דער שבת קומט אָן אין פּאַלאַצן און אָרעמע געצעלטן, ברענגט אָפּרו און פאַרגעניגן דעם מידן און אויסגעמאַטערטן, ליכט און פרייד דעם פאַרפינצטערטן און פאַראומערטן, פרייקייט דעם פאַר־שקלאַפטן, דערהויבנקייט דעם דערנידעריקטן.

„האַלט אין כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער, כדי דיינע טעג זאָלן זיך לענגערן אויף דער ערד, וואָס גאָט דיין האַר גיט דיר“, — אַזוי דערקלערט משה דעם געבאָט פון ערלעך האַלטן עלטערן. דער טיפער זינען פון דער דערקלערונג איז דאָס אַריינ־פירן טראַדיציע אין מענטשנס לעבן, רו און שלום אין דער משפחה. עס וועט איבערגיין בירושה פון דור צו דור און אַזוי פאַרלענגערן דעם מענטשנס לעבן.

ניט גנבענען, ניט הרגענען, ניט נואפן, ניט זאָגן פאַלשע עדות, ניט גלוסטן יענעמס, — דאָס זיינען די איינצלנע פונקטן פון דעם ברית, וואָס משה האָט געשלאָסן מיט די עברים אין גאָטס נאָמען.

אין פאָלק האָט מען פאַרשטאַנען, אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייע צייט.

— נעשה ונשמע, — מיר וועלן טאָן און געהאָרכן, — האָט

דאָס פֿאָלק גע׳ענטפֿערט אויף דער נייער תּורה, וואָס מען האָט אים געגעבן.

באַלד אָבער האָבן די עבֿרים פֿאַרראַטן זייער צוזאָג.

פֿון שליסן אַ ברית ביזן אויספֿירן איז אַ גרויסער מהלך. דער אויסערלעכער גלאַנץ פֿון מצרישן לעבן, ווו מען האָט פֿאַר־געטערט אָקסן, קעלבער, שפּאַרבערס, שלאַנגען, איז געווען טיף איינגעוואָרצלט ביי די עבֿרים, און נאָכמער ביי זייערע נאָכלויפֿער, ביי דעם ערבֿ רבֿ. דאָס פֿאָלק האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך אַ גוטן, פֿעטן, זיכערן, מצרישן לעבן. אין וויסטן היילן מדבר האָבן די מענטשן געגאַרט נאָכן שימערדיקן גלאַנץ פֿון גאָלד, צירונגען, גרויסע געביידעס. די תּאווה נאָך אַ מאַטעריעלן גאָט, נאָך אַ פֿאַרהייליקטן און גאָלדענעם קאַלב, וואָס מען זאָל קענען אָנקוקן, אָנטאַפּן, איז אַלץ געוואַקסן.

מיט זיין פּערזענלעכער השפּעה האָט משה געצווימט די דאָ־זיקע תּאווה. האָט זיך אָבער משה פֿאַרבאָרגן אין די שפּאַלטן פֿון באַרג, פֿאַרטיפֿט אין איינזאַמקייט, זיך באַהעפֿט מיט גאָט, אַזוי זיינען ווידער אַרויסגעשווומען די אַלטע געוויינהייטן. מענטשן, וואָס זיינען ניט לאַנג אַרויס פֿון מצרים, זיינען צוגע־שטאַנען צום כּהן, ער זאָל זיי אויסגיסן אַ גאָט. דער כּהן מוז געהאָרכן דעם ווילן פֿון פֿאָלק. די פֿרויען האָבן געבראַכט צום כּהן די אָרעמבענדער, די האַלדזבענדער. דער כּהן האָט דאָס גאָלד צעלאָזן, אַריינגעגאָסן אין אַ פֿורעם און אויסגעגאָסן אַ גאָל־דענעם קאַלב.

דאָס פֿאָלק האָט זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן, יובלען אין ברען פֿון געצנדינערישער תּאווה, פֿריי פֿון גייסטיקן יאָך, אָן אַ צוים פֿון געבאָטן, צוריק אין גייסטיקן מצרים. ווי פֿון זיך איז גלייך אויס־געבויט געוואָרן אַ מזבח, געבראַכט קרבנות פֿאַרן גאָלדענעם קאַלב.

אין דעם אויגנבליק איז משה אַראָפּ פֿון באַרג. דער פּנים האָט אים געשטראַלט פֿון געטלעכקייט און הייליקייט. עפּעס פֿאַרדעכטיקעס האָט זיך אים אויסגעדוכט אין די קולות, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פֿון דער מחנה. צו אים איז צוגעגאַנגען יהושע. אים, דעם קריגספֿירער, דוכט זיך אומעטום אַ מלחמה.

אין זיינע אויערן שאַלט שטענדיק אַ טרומייט, און אויך דאָ האָט ער דערהערט קריגס־אויסרופן. משה אָבער האָט געהאַט אַ די־נערן געהערך פאַר די אויסרופן פון פאָלק; ער האָט דערפילט, אַז דאָס זיינען ניט קיין קולות פון גבורה און ניט פון שוואַכקייט. עס איז אַ געזאַנג פון אַ צעלאָזן פאָלק, וואָס פרייט זיך מיט צע־לאָזנקייט.

משה איז אַראָפּ אין דער מחנה. מיט די אייגענע אויגן דער־זען דעם קאַלב, דעם מזבח, די טענץ, די שמחה מיטן געץ. אהרן רעדט עפּעס אומקלאָר וועגן פאָלק: „דאָס פאָלק איז צעלאָזן."

אַ כעס, אַ שרעקלעכער פאַרדרוס האָט משהן אַרומגעכאַפּט. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די לוחות, זיי צעבראָכן. אַזאַ פאָלק איז ניט ווערט צו האָבן קיין געבאָטן!

— ווער איז פאַר גאָט? אַהער!

די בני לוי, די געטרייע אָנהענגער פון גאָט, משהס איבער־געבענע פריינד, האָבן זיך גלייך אויפגעקליבן, מיטן „שווערד אויפן דיך", גרייט אויסצופירן יעדן באַפעל.

— גייט דורך אין לאַגער הין און צוריק, פון טויער צו טויער. הרגעט די פאַררעטער. אַן אייגענעם ברודער ניט שאַנעווען!

יהוה איז אָבער אַן אייפערזיכטיקער, אַ גאָט, וואָס דער־מאָנט די זינד ביזן פערטן דור. ער איז אומצופרידן מיט באַ־שטראָפן נאָר די געצנדינער. עס איז אַ ווידערשפּעניק פאָלק. זיי קענען דעם ברית ניט אָפּהיטן. אַלע מוזן אונטערגיין!

און דאָ האָט משה אַרויסגעוויזן זיין אייביקע ליבע און איבער־געבנקייט צום פאָלק ישראל. משה איז אַרויסגעטראָטן, ווי אַ פאַרטיידיקער פון פאַרזינדיקטן פאָלק. משה לאָזט ניט אומ־ברענגען די עברים; ער בעט, ער טוט תפילה פאַרן זינדיקן פאָלק. דאָס פאָלק איז טאַקע צעלאָזן, לייכטזיניק, אָבער יונג און מען מוז אים מוחל זיין. משה האָט ליב טאַקע דעם ווידערשפּעניקן, האַרטנעקיקן פאָלק, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט פון מצרים. דאָס איז זיין קינד, אַ פאַרזינדיקט קינד, אָבער דאָך אַ קינד. ווען דעם קינד שטייט פאָר אַ געפאַר, פאַרגעסט דער פאָטער וועגן קינדס זינד און פאַרטיידיקט אים מיט אַלע כחות.

— מען וועט זאָגן, אַז גאָט קען ניט אַריינברענגען די עברים אין לאַנד, האָט ער זיי געטויט אין מדבר!

אַ העכסט וויכטיקער אַרגומענט.

ווען דאָס אַלץ העלפט ניט, שטעלט משה גאָט אַ באַדינג, ער דרויט: — זאָלסט מוחל זיין דיין פאָלק, און אויב ניט, מעק מיך אויס פון דיין ספר!!!

אָבער אויסמעקן משהן פון ספר, הייסט אויסמעקן דעם גאַנצן ספר, אויסמעקן די צוקונפט פון דער מענטשהייט. עס איז אַ קאַמף צווישן גאָט און משהן! און גאָט מוז נאָכגעבן. גאָט פרווט אָפשוואַכן משהס פאַרטיידיקונגס-קראַפט מיט אַ פערזענ-לעכער פאַרגיטיקונג, — זאָל משה אָפלאָזן די ווידערשפעניקע עברים, פון משהן אַליין וועט גאָט אויסבילדן אַ פאָלק. משה אָבער גייט ניט איין. די צוקונפט פון פאָלק איז זיין צוקונפט. משה האָט ניט קיין פערזענלעכן לעבן און קיין פערזענלעכע יור-שים. דער דור פון די עברים איז זיין דור. אַזוי האָט משה ניט געלאָזן אומברענגען די עברים אַפילו נאָכן גרעסטן זינד זיי-ערן, נאָכן זינד מיטן גאָלדענעם קאַלב.

נאָך דער געשיכטע מיטן עגל האָט משה פאַרשטאַנען, אַז עס איז ווייניק צו געבן די עברים א תורה, — מען מוז די תורה יאָרן לאַנג פלאַנצן אין לעבן פון פאָלק, אין די געוווינהייטן פון מענטשן. געצנדינעריי, צעלאָזנקייט, דער גאָלדענער קאַלב זיצן פעסט איינ-געוואָרצלט און מען מוז אויסקריצן די נייע תורה ניט נאָר אויף לוחות, נאָר אויך אין די הערצער פון די מענטשן, און דאָס פאָ-דערט יאָרן, הונדערטער יאָרן.

איז געווען דער ברית אויפגעשריבן? דער חומש דערציילט, ווי משה האָט זיך אומגעקערט פון באַרג מיט די צוויי לוחות פון געזעץ, „לוחות באַשריבן פון ביידע זייטן", ווען געבאָטן, וואָס זיינען געווען „אויפגעשריבן אויף שטיינערנע טאָוולען מיט אַ געטלעכן שריפט". ווען משה בעט ביי גאָט, ער זאָל מוחל זיין דעם פאָלק די זינד מיטן עגל, דערמאָנט ער ווידער דעם ספר.

לאָמיר דערמאָנען, אַז קינדווייז האָט זיך משה געהאָדעוועט

אין פרעהס הויף. דאָרטן האָט מען אויסער די היעראָגליפן אין מצריש, באַנוצט אויך די קיילן־שריפט און די אַרמישע שפּראַך, וואָס איז אַזוי נאָענט צו דער עברישער. עס איז נאַטירלעך צו מיינען, אַז משה, וואָס האָט פאַרבראַכט צו פאַרהייליקן בילדער, האָט אויך אין שרייבן אויסגעמיידט די בילדער־שריפט און אַזוי אַריבער צו אַ שריפט פון אותיות. פריער, ווי ביי אַנדערע, האָט מען ביי די עברים זיך באַנוצט מיטן שרייבן, כדי איינקריצן אין זכרון דאָס געשעענע, און אַזוי געלייגט דעם יסוד פאַר פאַרשרייבן געשיכטע.

משהס שפּראַך דאָרט, ווו מיר האָבן צו טאָן דירעקט מיט זיינע רייד, איז קורץ, קלאָר און שטאַרק. די שפּראַך זאָגט עדות אויף באַשטימטקייט און דערהויבנקייט פון דער נשמה. זיינע ווערטער מוזן ווירקן. זיי דערגרייכן דעם ציל מיטן גייסט, וואָס שיינט אַרויס פון זיי, מיטן אמת און איבערצייגונג, מיט דער קראַפט, וואָס איז באַהאַלטן אין זיי. דאָס הערט איר אין דער ווענדונג צום רשע: „למה תכה את רעך“, דאָס הערט איר אין די מוטיקע רייד צו גאָט: „ואם אין מחני נא מספרך“.

# אין מדבר

אין מצרים האָבן די עברים געלעבט פאַרשקלאַפט, שווער געאַרבעט, אָבער נאָך דער אַרבעט פעט און זאַט געגעסן. נאָך לייכטער און זאַטער האָבן געלעבט יענע עברים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פיצוכט און גערטנעריי. איצט אָבער האָבן אַלע געמוזט אַריבערגיין צו אַ לעבן פון נאָמאַדן, וואַנדערער אין אַ מדבר, ווו עס פעלט וואַסער צום טרינקען, ברויט צום עסן און אַ דירה צו באַשיצן זיך בייטאָג פון היץ און ביינאַכט פון ווינט און קעלט. קיינער ווייס ניט, וווהין צו גיין. מען איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפן פייער, וואָס לייכט ביינאַכט, אויף די וואָלקנס אין די הימלען בייטאָג, און אויף משהן מיט זיינע געבאָטן.

די צאָל מענטשן איז געוואַקסן. אָפט האָבן געמאַטערט דער הונגער און דורשט. עס איז געוואַקסן די תאווה צו זאַטקייט.

צו פעטע פליישן און פישן, צו די גרינסן פון די מצרישע פעל־דער, און צוזאַמען מיט דעם איז געוואַקסן די אומצופרידנקייט מיט משהן, מיט די געבאָטן, וואָס באַגרעניצן די תאוות און צעלאָזנקייט.

צייטנווייז גיט זיך משהן איין צו באַזאָרגן די מחנה מיט אַ פרישן, דערקוויקנדיקן וואַסער, וואָס ער באַקומט פון אונטער אַ שטיין, אָדער מיט אַזאַ, וואָס ער היילט אויס מיט צווייגן און גראָזן. אָנשטאָט ברויט, קלייבט די מחנה אַלע טאָג עפּעס שו־פּעדיקס, דינעס, ווי קאָריאַנדערזאָמען. די מענטשן קלייבן עס אַרויס פון טוי און ווייסן אַליין ניט, וואָס דאָס איז. איינער פרעגט ביי דעם אַנדערן: „מן?“ — וואָס איז דאָס אַזוינס? אָבער מען קלייבט עס צוזאַמען, מען שטויסט, מען מאַכט דער־פון קוכנס, אָדער מען קאָכט עס אָפּ אין טאָפּ. אָפט קומט צו פליען אַ סטאַיע וואַכטלען — דער שלו. דאָס איז אַ פעטער, פליישיקער פויגל, וואָס פליט נידעריק און לאָזט זיך לייכט אָנ־כאַפּן.

דאָס זיינען אָבער אַלץ ניט קיין באַשטענדיקע זאַכן, און די זין פון ישראל וויינען:

— מיר געדענקען די פיש, וואָס מיר פלעגן עסן אין מצרים אומזיסט, די קירבעס, די ציבעלעס, קנאָבל, גרינסן, און אַצינד איז אונדזער זעל פאַרטריקנט, בלויז אויפן מן איז אָנגעווענדעט אונדזער בליק.

פון דעם מורמלען, פון דער אומצופרידנקייט, האָט זיך משה געפילט שלעכט, מיד, אַ צו שווערע משא האָט ער אויף זיך גע־נומען. משה הערט זיך צו צו דעם נאַרישן געוויין פון פאָלק און אַ צאָרן האָט אים אַרומגעכאַפּט. אויך אין אים האָט זיך דערוועקט אַ חרטה־געפיל, אָבער ניט אויף אומצוקערן זיך צוריק אין מצרים, נאָר אויף דעם אַרויפנעמען אויף זיך אַ לאַסט פון אַ נאַריש, שלעכט פאָלק. „וואָס איז ער, אַן אם, אַ מוטער, וואָס האָט אויסגעטראָגן אַ קינד?! וואָס טראָגט ער זיך מיט אים אַרום, ווי מיט אַ זויגנדיקן. פון וואַנען קען ער נעמען פלייש פאַר אַ גאַנץ פאָלק? וואָס וויינען זיי אויף אים?“

און משה רעדט שאַרף צו גאָט.

— פאַרוואָס טוסטו שלעכטס דיין קנעכט! פאַרוואָס האָב איך געפונען אומחן אין דיינע אויגן אַרויפצולייגן אויף מיר אַזאַ לאַסט. אויב דו טוסט אַזוי מיט מיר, הרגע מיך, איך בעט דיך, און לאָמיך ניט זען מיין אומגליק.

אויסער דער אומצופרידנקייט, וואָס האָט אָפּט אויסגעבראָכן אין פאָלק פלוצים, סטיכיש, צוליב הונגער און דורשט, זיינען אויך פאָרגעקומען אָרגאַניזירטע אויפשטאַנדן קעגן משהן. בראש פון אַזעלכע אויפשטאַנדן זיינען געשטאַנען דווקא נאָענטע מענטשן צו משהן, אַמאָל פון די כוהנים, אַמאָל פון שבט ראובן, ווו עס האָבן נאָך, קענטיק, געלעבט די ניט פאַרווירקלעכטע פרעטענזיעס אויף הערשאַפט, בכורהשאַפט.

קרח פון שבט לוי, און דתן און אבירם פון שבט ראובן, זיי־נען געקומען צו משהן, אין באַגלייט פון צוויי הונדערט פופציק פירשטן, „מענטשן מיט אַ נאָמען“. זיי זיינען געקומען מיט טענות אין נאָמען פון פאָלק.

— די גאַנצע עדה איז הייליק.

— פאַרוואָס נעמט איר זיך איבער אַקעגן דעם קהל פון גאָט? ווינציק, וואָס דו האָסט אונדז אויפגעבראַכט פון אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, צו טויטן אין דעם מדבר, אַז הערשעווען ווילסטו נאָך הערשעווען איבער אונדז? האָסטו אונדז געגעבן אַ נחלה פון פעלד און וויינגאָרטן? ווילסטו די דאָזיקע מענטשן די אויגן פאַרשטעכן?!

דאָ האָבן זיך אויפגעמישט די פערזענלעכע תביעות צוזאַמען מיט די פאָלקס־אינטערעסן, מיט דער חרטה, פאַרוואָס מען איז אַרויס פון מצרים אין מדבר, און קיין נייע היים איז ניט געשאַפן.

משה האָט זיך געפילט באַליידיקט, געערגערט, ער בעט ביי גאָט, ער זאָל ניט קערן צו זייער קרבן, וואָרום „קיין איינציק אייזל האָב איך ניט גענומען פון זיי, קיין שלעכטס ניט געטאָן קיינעם“.

אָבער באַלד קומט אויס משהן אויך אין דעם פאַל צו בעטן פאַר די, וואָס בונטעווען קעגן אים, פאַרטיידיקן קעגן צאָרן פון

גאָט, וואָס וויל אומברענגען דעם ווידערשפּעניקן פאָלק, און משה רוקט אַרויס דעם מאָטיוו פון רעכט, אַז דער כּלל איז ניט פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַרן פּרט. „זאָל איין מענטש זינדיקן און אויף דער גאַנצער עדה זאָלסטו צערנען?“.

מ'ער ניט די שולדיקע, די, וואָס האָבן גענומען אַ דירעקטן אָנ־טייל אין אויפשטאַנד, קרח מיט זיין עדה, זיי קומען אום.

אָבער ניט נאָר ווייטע, אויך די גאָר נאָענטע האָבן געמורמלט, מקנא געווען משהן זיין געטלעכקייט, זיין מאַכט, וואָס ער האָט איבער מענטשן. אַפילו אַהרן און מרים, די נאָענטסטע מיט־אַרבעטער, זיינען אָפט געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט משהן. מרים איז געווען אומצופרידן מיט משהס פרוי, די כּושיטין, וואָס משה האָט גענומען. אהרנס קינדער האָבן פּרעטענדירט אויף מאַכט, און אהרן אַליין האָט געוואַקלט, געזוכט שלום צו מאַכן און איז אָפט אַריינגעפאַלן אין ווידעראַנאַנדן. און אויך דאָ, אין קאָנפליקט מיט די אייגענע, ווייזט משה אַרויס זיין גרויסמוטי־קייט, זיין אָננעמען זיך פאַרן שוואַכן, אַפילו ווען יענער האָט געוואָלט אים שלעכטס טאָן.

מרים איז באַשטראָפט פאַר איר „ריידן אויף גאָטס קנעכט“. מיט אַ קרעץ האָט זיך איר לייב באַדעקט. איר פלייש איז האַלב צעגעסן, און משה שרייט צו גאָט.

— הייל זי, איך בעט דיך!

שוין ניט צום ערשטן מאָל הערן מיר פון משהן דעם געשריי צו גאָט פאַר די, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים.

דער גייסט פון איבערגעבנקייט, טרייקייט צום פאָלק, זיך אָפּ־זאָגן פון אייגננוצן, זאָרג וועגן אַ גרויסער מחנה אין מדבר, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן די נויטיקייט פון מיטאַרבעטער, פון תּלמידים. אין קריגס־ענינים האָט זיך שוין פון אָנהייב אַרויס־גערוקט דער העלדישער יהושע, אהרן איז געווען דער עלטסטער פון די כּוהנים, אָבער דער נביאישער גייסט האָט זיך געשפּרייט ווייט און ברייט אין פאָלק.

אויף אלדד און מידד, צוויי אומבאַקאַנטע, האָט מיטאַמאָל

גערוט גאָטס גייסט. דער איבערגעגעבענער יהושע זעט איין אין דעם אַ מינדערונג פֿון רבים גרויסקייט.

— מיין האַר משה, האַלט זיי צוריק.

אָבער משה ענטפֿערט:

— נעמסט זיך אָן פֿאַר מיר? הלוואַי זאָל דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון גאָט זיין נביאים, אַז גאָט זאָל געבן זיין גייסט אויף זיי (במדבר י״א, 28—30).

משה איז דער אידעאַלער פֿירער, טראַכט ניט וועגן קאָנקורענץ; ער וויל, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל זיין נביאים. משה רופֿט אַרויס אַלע גייסטיקע כחות פֿון פֿאָלק און גיט זיי אַן אויסדרוק, אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן. די קינסטלער בצלאל און אהליאב האָבן אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט אַרום משכן, געמאַכט די מנורה, דעם פּרוכת, די כרובים, די שניצונגען, וועבונגען. אַזוי האָט משה, פֿאַרבאַטנדיק בילדער, געגעבן אויף אַן אַנדער אופֿן אַ מעגלעכקייט צו שאַפֿן און אָנצוקוקן קינסטלערישע ווערק.

*

די אויפֿגאַבע אַרויסצורייסן זיך פֿון מדבר, זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין אַ לאַנד, וואָס זאָל געבן דערנערונג פֿאַרן פֿאָלק, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פֿאַר משהס אויגן. אַרום זיינען געווען אדום, עמלק, מואב — אַלץ שטאַרקע פֿעלקער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אַרומיקע מדבריות געהאַלטן אין צוואַנגען די עברישע מחנה.

משה האָט געמוזט ווענדן זיין בליק ווייטער צו צפֿון, צו די לענדער אַרום ירדן. פֿון לינקן זייט — גרויסע פֿליינען מיט גראָז. דאָרט וועלן זיך באַזעצן די שבטים, וואָס האָבן אַסך פֿי. נאָר וויכטיקער אָבער איז דער רעכטער זייט פֿון ירדן, ווו די בערג זיינען נאַטירלעכע פֿעסטונגען און די טאָלן קענען געבן שפּייז פֿאַר די עברים. איצט איז כנען צעברעקלט. צום נגב דערגייט עמלק; אין די בערג לעבן די חתים, יבוסים, אמורי, דער כנעני ביים ים. דאָס אַלץ מוז פֿאַראייניקט ווערן אין איין לאַנד, ווו איין פֿאָלק וועט לעבן, איין גאָט וועט הערשן!

פאַרן ענדגילטיקן אָפּשטעלן זיך אויף כנען, האָט משה באַ־שלאָסן שיקן אַהין שלוחים, וואָס זאָלן זיך באַקענען מיט דער לאַנד, דערוויסן, אויף ווי ווייט זי איז צוגעפּאַסט פאַר קאָלאָני־זירן. די שלוחים מוזן זיין מענטשן, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן און וועמען דאָס פאָלק וועט גלויבן.

פון מדבר פּאָרן שיקט אַרויס משה אויספאָרשער אין כנען, צוועלף אָנפירער פון פאָלק, די עלטסטע פון די שבטים, זאָלן זיי באַזוכן כנען, ברענגען אַ גרוס פון לאַנד. משה ווייזט אָן דעם וועג, מיט וועלכן די שלוחים האָבן צו גיין, און גיט גענויע אָנווייזונגען, וואָס די שלוחים האָבן צו פאָרשן.

קודם כל — דעם גרונט. צי איז די ערד פעט אָדער מאָגער, צווייטנס — די געוויקסן, איז דאָ געהילץ, וואָס פאַר פרוכטן וואַקסן דאָרט, — און אויב עס וועט זיין מעגלעך זאָלן די שלו־חים ברענגען מיט זיך פרוכט פון לאַנד; און דריטנס — זאָלן די שלוחים זיך דערוויסן וועגן די מענטשן, וואָס לעבן דאָרט, — איז עס אַ שטאַרק אָדער אַ שוואַך פאָלק, לעבן זיי אין אָפענע לאַ־גערן אָדער אין פעסטונגען?

אויספירן די אויפגאַבע האָט פאַרנומען פערציק טעג.

אין פערציק טעג אַרום האָבן זיך די שלוחים אומגעקערט און דערציילט, אַז די ערד פון כנען איז טאַקע אַ פעטע, אַ פרוכט־באַרע, אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז מען קען אַהין ניט צוקומען; עס לעבן דאָרט שטאַרקע פעלקער, וועלכע וועלן ניט צולאָזן קיין פרעמדע.

„די מענטשן זיינען פון גרויסן וווקס, ריזן. ווי הייישעריקן האָבן מיר פאַר זיך אַליין אויסגעזען און אויך אַזוי האָבן מיר אויסגעזען אין זייערע אויגן. שטאַרק איז דאָס פאָלק, וואָס זיצט אין לאַנד. די שטעט זיינען באַפעסטיקטע, גרויס ביז גאָר. עמלק זיצט אין דרום לאַנד, דער חיתי, יבוסי און דער אמורי זיצן אין די בערג, און דער כנעני זיצט ביים ים און ביים ברעג פון ירדן.“

נאָר צוויי פון די שלוחים, יהושע און כלב, האָבן געגלויבט אין נצחון פון די בני ישראל און געמוטיקט דעם פאָלק. די מחנה

אָבער האָט זיך מער צוגעהערט צו די שרעקעדיקע שטים פון די צעז, איידער צו די מוטיקע רייד פון די צוויי.

ווי אַ פייל פון בויגן איז דורכגעפלויגן די בשורה איבער דער מחנה, אַז דאָס לאַגד, וווּ מען פירט די עברים, איז באַזעצט פון שטאַרקע פעלקער. און גלייך הייבט זיך אָן דאָס מורמלען אויף משהן, — הלוואי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין מצרים, אָדער איז מדבר; נאָך וואָס ברענגט אונדז גאָט אין דעם דאָזיקן לאַנד צו פאַלן דורכן שווערד; אונדזערע ווייבער און אונדזערע קליינע קינ־ דער זאָלן ווערן צו רויב?!

און דאָסמאָל איז שוין די מחנה אַקטיוו, — לאָמיר מאַכן אַ הויפּטמאַן און זיך אומקערן קיין מצרים!

עס שטייט אין געפאַר די גאַנצע אַרבעט. עס האַלט, אַז משהס לעבנסווערק זאָל זיך פאַרענדיקן אויף אַ שענדלעכן אופן. דאָס פאָלק מיינט ערנסט: — צוריק אין מצרים, צו שקלאַפעריי צו די געצן. די פאַר מענטשן, וואָס מוטיקן, וואָס גלויבן, וויל מען מיט שטיינער פאַרוואַרפן.

און משה פאַלט בעטן בײם פאָלק, דאָס ערשטע מאָל, יוען משה בעט בײם פאָלק.

גאָט וויל אומברענגען דאָס פאָלק. אַזאַ פאָלק איז ניט ווערט באַפרייט צו ווערן. אַזאַ פאָלק קען ניט באַהערשן אַ ניי לאַנד, מנצח זיין דעם שונא. דאָס זיינען מענטשן, וואָס האָבן ניט פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך; מענטשן, וואָס לעכצן נאָך מצרים, קענען ניט איינגעמען כנען. אויסשטאַרבן מוז די מחנה, וואָס איז אַרויס פון מצרים! אַ נייער דור, וואָס וויים ניט פון שקלאַפעריי, אַ דור, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט אין אַ פרייען געטלעכן גייסט, אַ דור, וואָס גאַרט נאָך אַן אייגן לאַנד, נאָך אַ היים, וואָס האָט ניט מורא פאַר די כנענים, — נאָר אַזאַ דור וועט אַריינגיין אין ארץ־ישראל!

און משה רירט זיך ניט פון לאַגער. דער ארון פון גאָטס בונד בלייבט שטיין אויף אַן אָרט.

שפּעטער האָבן די עברים חרמה געקראָגן. עס האָבן זיך געפונען מעפּילים, העלדן, וואָס האָבן געוואַגט אַרויפגיין אויפן שפּיץ באַרג, אָבער דער כנעני האָט זיי צעשלאָגן און פאַרטריבן.

דער עפּיזאָד מיט די שלוחים האָט משהן באַוויזן, ווי ווייט די עברים זיינען נאָך ניט צוגעגרייט צו דער גרויסער אויפגאַבע.

עס זיינען פאַרביי חדשים און יאָרן, און ווידער שטייט פאַר משהן די פראַגע, — ווי רייסט מען דורך די קייט פון די פעל־קער אַרום?

משה וויל דאָס מאַכן אויף אַ פרידלעכן וועג, ער וויל שאַפן נייע באַציונגען צווישן פעלקער, צווישן שכנים. ער ווענדעט זיך קודם כל צו אדום. אונדז איז געבליבן משהס ווענדונג און דער ענטפער פון אדום אין אַ פאָרם פון אַ דיאַלאָג. עס וואַרפט אַ קלאָרן שיין אויף די צווישנפעלקער־באַציונגען פון דער אַל־טער צייט.

די עברים זיינען נאָך אין קדש, און משה שיקט שלוחים צום מלך פון אדום:

„אַזוי זאָגט דיין ברודער ישראל. דו ווייסט אַלדי מאַטערניש, וואָס אונדז האָט געטראָפן, ווי אונדזערע עלטערן האָבן גענידערט אין מצרים און מיר זיינען געזעסן אין מצרים פיל טעג און די מצרים האָבן שלעכטס געטאָן אונדז און אונדזערע עלטערן. און מיר האָבן געשריען צו גאָט, און ער האָט געהערט צו אונדזער קול, געשיקט אַ מלאך און אונדז אַרויסגעשיקט פון מצרים, און אָט זיינען מיר אין קדש, אַ שטאָטביים עק פון דעם געמאַרק. לאָז אונדז, איך בעט דיך, דורכגיין דורך דעם לאַנד. מיר וועלן ניט דורכגיין דורך אַ פעלד, אָדער דורך אַ וויינגאָרטן און מיר וועלן ניט טרינקען וואַסער פון אַ ברונעם; אויף דעם מלכס וועג וועלן מיר גיין; מיר וועלן ניט אָפּנייגן רעכטס אָדער לינקס, ביז־וואַנען מיר וועלן דורכגיין דעם געמאַרק.“

דער ענטפער פון אדום איז קורץ:

— זאָלסט ניט דורכגיין דורך מיר! וואָרום מיטן שווערד וועל איך אַרויסגיין קעגן דיר.

ישראל לאָזט ניט נאָך, ווענדעט זיך נאָכאַמאָל:

— אויפן וועג וועלן מיר גיין. אויב מיר וועלן טרינקען דיין וואַסער, איך און מיינע פי, וועל איך געבן געצאָלט דערפאַר. לאָז מיך בלויז דורכגיין אויף מיינע פיס.

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. אדום האָט די בני ישראל מיט גוטן ניט דורכגעלאָזן. די עברישע מחנה האָט זיך אָפּגע־נייגט אָן אַ זייט, געמאַכט אַן אומוועג. משה האָט, קענטיק, זיך געפילט נאָך צו שוואַך מלחמה צו האַלטן מיט אדום. די עברים האָבן זיך איצטער געלאָזן דורך דעם ים־סוף־וועג. דאָס איז ניט געווען אַ וועג פּאַזע דעם ים. דאָס איז געווען אַ לאַנגע שטרעקע, וואָס איז געגאַנגען דורך מדבריות צווישן בערג. אַ וועג אָן וואַסער, פול מיט שלאַנגען. דער סאַמום, דער כאמסין האָבן געמאַטערט די מענטשן. די ווינטן האָבן אויפגעהויבן דעם גליענדיקן זאַמד און מיט אים געברענט און פאַרשאָטן אַלץ און אַלעמען. און ווידער וואַקסט די אומצופרידנקייט מיט גאָט און מיט משהן, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון מצרים, צו שטאַרבן אין מדבר. „וואָרום קיין ברויט איז ניטאָ און קיין וואַסער איז ניטאָ, און אונדזער זעל עקלט פון דער נישטיקער שפּייז."

אין באַוווסטזיין פון מדבר־מענטש איז איצט מצרים אַן אי־דעאַלע לאַנד, אַ לאַנד פון געוויקסן, ביימער און שאָטן, אַ לאַנד, וווּ עס וואַקסט די בעסטע תבואה, און עס פליסט דער געשמאַק־סטער און ריינסטער וואַסער.

מען דאַרף זיין משה רבנו, האָבן זיין פעסטקייט און מוט, כדי אַרויסצוקומען גאַנץ פון אַזאַ וועג און ברענגען די ווידערשפּעניקע, הונגעריקע און דורשטיקע מחנה בשלום אין אַ נייע לאַנד.

צום באַדויערן האָבן מיר קאַרגע ידיעות וועגן דער מאַטע־ריעלער אָרגאַניזאַציע, וואָס משה האָט איינגעפירט אין מדבר, וועגן דער אַרבעטס־צעטיילונג. אָבער פון אַן אָנצוהערעניש דער־וויסן מיר זיך, אַז אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן אָנטייל גענומען אין גראָבן די ברונימער. מיט די סצעפּטערס, מיט די שטעקנס האָט

מען געגראָבן אַזוי לאַנג, ביז מען האָט געפונען וואַסער. אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט די בני־ישראל, אַ פרייד אין מיטן אומעטיקן ווּיסטן מדבר.

קוועל אַרויף, ברונים — זינגט צו אים, —
דער ברונים, וואָס געגראָבן אים האָבן האַרן,
אים אויסגעהאַקט האָבן פירשטן פון פאָלק,
מיטן סצעפּטער, מיט זייערע שטעקנס.

(במדבר כ"א, 17—18).

דער ים־סוף־וועג האָט אַרויסגעפירט די עברים צום אמורי, אַ שטאַרק פאָלק, וווּ דער מלך איז דעמאָלט געווען סיחון. ווידער האָבן זיך די בני־ישראל געווענדעט מיט אַ פרידלעכן פאָרלייג — נאָר דערלויבן דורכצוגיין דאָס לאַנד, ניט טרינקען קיין וואַסער פון אַ ברונעם; און ווידער איז דער פאָרלייג אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דאָסמאָל אָבער האָבן די בני־ישראל אויפן אָפּזאָג אַנדערש רע־אַגירט. מיטן שאַרף פון שווערד האָבן די עברים זיך דורכגע־לייגט אַ וועג; אַ וועג צום לעבן, אַרויס פון מדבר. אַ גרויס שטיק לאַנד פון ארנון ביז יבוק, חשבון מיט אירע „טעכטער־שטעט" זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די עברים. זיי זיינען דער־גאַנגען ביז עמון.

פון איצטער אָן זיינען די בני־ישראל געוואָרן אַ מאַכט. אַ מאַכט מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען. מואב, וואָס איז גע־ווען נעבן אמורי, האָט זיך אויף טויט דערשראָקן פאַר די בני־ישראל. מואב האָט געהערט, אַז ביי די עברים איז דאָ אַ נביא משה, וואָס פירט אָן מיט דעם פאָלק דורך זיין גייסטיקער קראַפט. און דער מלך פון מואב בלק וויל קעגנשטעלן משהן אַן אַנדער גייסטיקע קראַפט, אַן אַנדער נביא — בלעמען.

אָנשטאָט אָבער צו שילטן די בני־ישראל, האָט זיי בלעם גע־בענטשט. ניטאָ קיין כח, וואָס זאָל זיך קעגנשטעלן משהן.

# משהס טויט

עס זיינען אַריבער פערציק יאָר זינט די עברים זיינען אַרויס פון מצרים. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז די עברים האָבן גע־בלאָנדזשעט אין מדבר. ניין, זיי האָבן פאַר דער צייט דורכגע־מאַכט אַ שווערן וועג, גיכער אַן אומוועג, אָבער ניט געבלאָנדזשעט. איצט, נאָך פערציק יאָר מדבר, האָבן זיי זיך געפונען אין עבר־הירדן, אַ פליינינקע לאַנד מיט הויכע פעטע גראָז פאַר די פי. דער שבט ראובן, גד, דער האַלבער שבט מנשה האָבן זיך דאָרט גוט איינגעפלאַצירט. די איבעריקע האָבן געמוזט אַריבער דעם ירדן און דאָרט געפינען פאַר זיך אַן אָרט. דערצו האָט מען געמוזט האָבן אַ פעסטע אַרמיי, אַ באַוואָפנטן חיל, וואָס זאָל האַלטן מלחמה מיט די פעלקער, וואָס לעבן אין כנען.

און דעמאָלט, האַרט ביים אַריבער־יין דעם ירדן, איז משה געשטאָרבן.

וועגן קיינעם אין תנך איז אַזוי פיל ניט דערציילט, ווי וועגן משהן, און אויך משהס טויט איז סודותפול און אייגנאַרטיק באַ־שריבן אין חומש און שפעטער אויסגעצירט אין דער מסורה.

משה איז ניט געשטאָרבן פון אַלטקייט אָדער שוואַכקייט. פאַרקערט, פאַרן טויט איז „זיין אויג ניט געווען טונקל און זיין פרישקייט איז ניט אַוועק". משה איז אויך ניט געשטאָרבן דער־פאַר, וואָס ער האָט שוין אויסגעפירט זיין אויפגאַבע אין לעבן, פאַרענדיקט זיין לעבנסווערק, — ניין, משה איז געשטאָרבן ביים שוועל פון ארץ־ישראל, פאַרן אַריבערגייען דעם ירדן. משהן האָט מען ניט געלאָזן שניידן די פרוכט, וואָס ער האָט געזייט; ניט געלאָזן זיך פרייען מיט דער פאַרווירקלעכונג פון זיין לעבנסצוועק. אויפן באַרג האָט אים גאָט אַרויפגעפירט און אים באַוויזן דאָס גאַנצע לאַנד ביזן „לעצטן ים". גאָט זאָגט צו משהן:

„איך האָב דיר געלאָזט זען מיט דיינע אויגן, אָבער אַהין אַריבערקומען וועסטו ניט."

אָט די לאַנד, צו וועלכער משה האָט געשטרעבט מיט אַ זעל־טענער היסטאָרישער קראַפט, אויף וועלכער ער האָט קאָנצענ־

פֿירט זיין גאַנצע לעבנס־אויפֿגאַבע, קען ער נאָר אָנקוקן, אָבער ניט אַרויפֿטרעטן. טרעטן אויף דער ערד, וואָס וועט זיין אַן אייגענע, איז משהן ניט באַשערט. ער האָט אַרויסגעפֿירט די עבֿרים פֿון מצרים, אָבער ניט אַריינגעפֿירט אין ארץ־ישׂראל. משה האָט אויסגעבילדעט פֿון שקלאַפֿן אַ פֿאָלק, אָבער ווי דאָס פֿאָלק וועט לעבן, וועט ער ניט זען. האַרט פֿאַרן מקום ווערן פֿון זיין לעבנסטרוים האָט אים גאָט געהייסן: „גיי אַרויף אויפֿן באַרג און שטאַרב." אויך משהס שטאַרבן איז, ווי זיין לעבן, געווען נאָר אַן אויספֿירונג פֿון גאָטס באַפֿעל.

„און קיין מענטש ווייס ניט זיין קבֿר ביז אויף הײַנטיקן טאָג."

דעם גאַנצן לעבן האָט משה ניט געוווּסט פֿון אייגננוצן. דאָס לעבן פֿון פֿאָלק איז געוואָרן אויך זיין לעבן, און די נויטן פֿון פֿאָלק — זיינע נויטן, און איצט, פֿאַרן טויט, האָט משה נאָר איין בקשה צו גאָט, — אים געבן אַ ווירדיקן פֿאַרטרעטער, וואָס זאָל פֿאַרענדיקן זיין ווערק.

— זאָל גאָט דער האַר פֿון די גייסטער פֿון אַלע באַשעפֿענישן אויפֿזעצן אַ מאַן איבער דער עדה, וואָס זאָל אַרויסגיין זיי פֿאָרויס. וואָס זאָל זיי אַרויספֿירן און וואָס זאָל זיי אַריינברענגען, כּדי די עדה פֿון גאָט זאָל ניט זיין ווי שאָף, וואָס האָבן ניט קיין פּאַסטעך, — דאָס איז אַלץ, וואָס משה האָט צו זאָגן פֿאַרן טויט. און די צוואה איז אויסגעפֿירט געוואָרן.

יהושע, אַ מאַן מיט גייסט און אַ קריגסמאַן, אויף אים וועט משה אַרויפֿטאָן זיין גלאַנץ, ער וועט אַריבערפֿירן די עבֿרים איבערן ירדן און איינגעמען כּנען.

אַ דערהויבנקייט פֿילט זיך אין דער לעצטער ברכה, וואָס משה האָט געגעבן די שבֿטים.

די יידישע מסורה דערציילט, אַז משה האָט ניט געוואָלט שטאַרבן, געקעמפֿט מיט גאָט פֿאַר יעדער רגע, גערופֿן צו הילף די הימלען, די וואַסערן, די ערד. עס האָט געהאָלפֿן, אַז משה, דער געזעגנבער, זאָל צעברעכן דעם געטלעכן געזעץ פֿון לעבן און טויט. דעמאָלט האָט גאָט געזאָגט: צוויי שבֿועות

האָב איך געגעבן: איינע, אַז די יידן זאָלן אומקומען פאַר זייער זינד מיטן עגל; די צווייטע, אַז משה זאָל שטאַרבן און אין לאַנד ניט אַריינקומען. איינע פון די שבועות מוז מקוים ווערן. זאָל משה זיך אויסקלייבן.

ווי משה האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט: „רבונו של עולם. זאָל פאַרלאָרן גיין משה און טויזנט זיין גלייכן, און קיין נאָגל פון איינעם פון פאָלק ישראל זאָל ניט ווערן געקרימט.“

אין דער איבערגעבנקייט צום פאָלק איז דער אינהאַלט פון משהס לעבן, דער מהות פון זיין גרויסקייט, און דער זינען פון זיין שטאַרבן.

מיט אַ קוש פון גאָט איז משהס נשמה אויסגעגאַנגען...

---

# שאול

# דער קראַנקער מלך

.1

עס איז געווען אַ מענטש פון שבט בנימין. קיש בן אביאל האָט ער געהייסן. זיינען ביי קישן פאַרפאַלן געוואָרן די אייזלען. זאָגט קיש צו זיין זון שאולן: „נעם איינעם פון די יינגלעך און גיי זוך די אייזלען." איז שאול דורכגעגאַנגען דעם באַרג אפרים, די לאַנד שלישה, און ניט געפונען; זיינען זיי אַוועק אין שעלים — ניטאָ; זיינען זיי דורך ימיני לאַנד, אָבער אויך דאָרט ניט געפונען די אייזלען. פון דאָרט זיינען זיי געקומען אין צוף. זאָגט שאול צום יינגל:

— לאָמיר זיך אומקערן, וואָרום דער פאָטער וועט שוין ניט זאָרגן איבער די אייזלען, נאָר וועגן אונדז.

ענטפערט דער יינגל:

— אין דער שטאָט געפינט זיך איצט אַ געטלעכער מאַן. דער מאַן איז זייער געאַכט. אַלץ וואָס ער זאָגט, לאָזט זיך אויס ריכטיק. לאָמיר גיין אַהין. אפשר וועט ער אונדז עפּעס דערציילן אין דער זאַך, צוליב וועלכער מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג.

זאָגט שאול:

— ווי וועלן מיר קומען צום מאַן מיט ליידיקן? די ברויט האָט זיך שוין ביי אונדז געענדיקט און קיין מתנה, וואָס צו ברענגען דעם געטלעכן מאַן האָבן מיר אויך ניט.

ענטפערט דער יינגל ווייטער:

— איך האָב נאָך אַ פערטל זילבער־שקל, וועל איך עס געבן דעם געטלעכן מאַן, און ער וועט אונדז געבן אַ באַשייד.

זיינען שאולן געפעלן די רייד פון יינגל.

ווען זיי זיינען אַרויף אויף די טרעפּ צום שטאָט, האָבן זיי באַגעגנט יונגע מיידלעך גייען שעפּן וואַסער. פרעגן זיי:

— איז דאָ פאַראַן דער זעער? (וואָס מיר רופן היינט נביא, האָט מען אַמאָל גערופן זעער).

— גיי, אייל זיך צו. ער איז שוין געקומען אין שטאָט. דאָס פאָלק וואַרט אויף אים, ווייל היינט ברענגט מען אַ קרבן אויפן בימה. פריער בענטשט ער דעם קרבן, דערנאָך ערשט עסן די געלאַדענע געסט. ווען איר וועט איצט אַריין אין שטאָט, וועט איר אים טרעפן.

זיינען זיי אַרויף אין שטאָט. נאָר וואָס זיי זיינען אַריין, און שמואל גייט זיי אַנטקעגן. שאול איז צוגעגאַנגען צו שמואלן אין טויער און פרעגט ביי אים:

— זאָג מיר נאָר, ווו איז די הויז פון זעער?

— איך בין דער זעער. גיי פאָר מיר אויף דער בימה, און איר וועט מיט מיר היינט עסן. ביז אינדערפרי וועל איך דיך פאַרהאַלטן. אַלץ, וואָס ביי דיר איז אויפן האַרצן, וועל איך דיר דערציילן. זאָרג ניט וועגן די אייזלען, מען האָט זיי שוין געפונען. צו וועמען שטרעקט זיך די גאַנצע ליבשאַפט און טייערקייט פון ישראלן, אויב ניט צו דיר און צו דיין פאָטערס הויז!

איבעראַשט און דערשטוינט איז שאול פון אַזעלכע רייד.

— איך בין דאָך דער קלענסטער שבט אין ישראל, און מיין משפחה איז דאָך די יינגסטע פון אַלע משפחות אין בנימינס שבט, טאָ ווי אַזוי רעדסטו צו מיר אַזאַ זאַך?!

אַזוי איינפאַך און דערהויבן, קלאָר, און דאָך מיט אָנדייטונגען דערציילט דער תנך וועגן דער גורלדיקער באַגעגעניש פון צוקונפטיקן ערשטן עברישן מלך מיטן ערשטן נביא. דאָ פעלן נאָך די גרונדשטריכן פון שאולס כאַראַקטער. מיר האָבן נאָר זיין נאָבעלע אויסערלעכקייט און זיין אינערלעכע באַשיידנקייט. עפּעס האָט געצויגן שאולן צום נביאס הויז; אים האָט געצויגן צו טרוימער, צו העלזעער. שאולן געפעלט דעם יינגלס פאָרלייג — גיין צום זעער. אויפן וועג צוריק וועט שאול באַגעגענען אַ כאָפּטע נביאים; געזאַנג, מוזיק, די האַרפע, דער פּויק גייען פאָר זיי. און שאול פאַרגעסט, אַז זיין קאָפּ איז געזאַלבט פאַר אַ מלך

אין ישראל. אויך אים „באַגליקט“ גאָטס גייסט, ער הייבט אָן נביאות צו זאָגן, און די אַרומיקע וואונדערן זיך און פרעגן: „וואָס איז געוואָרן מיט קישס זון?“

מיר האָבן אין שאולן אַ שטימונגס־מענטש, אַן ענטוזיאַסט, אַ מענטש, וועלכער באַגייסטערט זיך לייכט און ווערט אַן אַנדערער. מעגלעך, אַז דווקא דער שטריך פון טרוימער, וועלכער פּאַסט זיך גאָר ניט פאַר אַ מלך, איז געפעלן געוואָרן שמואלן. דער טרוימער וועט וויניקער פון אַנדערע אוזורפּירן די מאַכט פון נביא.

אויף שאולן האָט די באַגעגעניש מיט שמואלן געלאָזן דעם שטאַרקסטן איינדרוק, אַן איינדרוק, מיט וועלכן מען לעבט אָפּ אַ גאַנצן לעבן. ווי נאָר ער איז אַוועק פון שמואלן, האָט אים גאָט „איבערגעקערט אַן אַנדער האַרץ“. ווען שאול איז געקומען אַהיים, האָט מען באַמערקט, אַז מיט אים קומט וואָס פאָר. אַ פעטער זיינער האָט אים געפרעגט: „וואָס אַזוינס האָט דיר שמואל געזאָגט?“ שאול אָבער האָט דערציילט נאָר וועגן די אייזלען, וועגן דער מלוכה האָט ער פאַרשוויגן. איז דאָס געווען אַ דיפּלאָמאַטישער שווייגן, אָדער צו טיף איז געווען דער איינ־דרוק, מען זאָל סתם ריידן וועגן דעם?

געווען איז דעמאָלט אַן איבערגאַנגסצייט. פון פּיצוכט זיינען די עברים אַריבער צו ערדאַרבעט. וואָס וייטער, האָבן זיי אַלץ מער געליטן פון די שכנים אַרום. פון מזרח־זייט מואב און עמון; פון דרום — די ווילדע עמלקים און מדינים; פון מערב־זייט— די שטאַרקע, ציוויליזירטע פלשתים און כנענים. רויבע־רייען, גנבות, רציחות פון אַלע זייטן. דאָ האָט איין עברישער שבט, דאָ אַ צווייטער געמוזט זיך אונטער־געבן דער ווילדער מאַכט פון די אַרומיקע פעלקער. אינערלעך צעטיילט, ניט אָרגאַניזירט, האָט יעדער שבט געלעבט פאַר זיך, ניט געהאַט פון דעם צווייטן קיין הילף בעת אַן אָנפאַל. און האָט זיך ווען איינגעגעבן אַ טיכ־טיקן שופט צו באַפרייען עטלעכע שבטים, איז דאָס נאָר געווען פון מאָל צו מאָל. באַלד זיינען זיך ווידער די שבטים פונאַנדער־געפאַלן און איינער דעם אַנדערן ניט געוואָלט העלפן. אין אַזאַ

לאַגע איז געווען פאַר די עברים אַ לעבנסנויטווענדיקייט צו בילדן פון אַלע שבטים איין מלוכה. די לעצטע יאָרן האָבן די פלשתים אַלץ מער פאַרשקלאַפט די עברים. מען מוז זיי צאָלן גרויסע צינזן. די הייליקע שטאָט שילה איז צעשטערט, און די פלשתים דערגרייכן שוין ביזן באַרג אפרים.

דער שופט שמואל האָט מיט גאַנץ וואָרט פאַראייניקט די עברים. ער איז אָבער ניט געווען קיין קריגסמאַן, וואָס זאָל אָנפירן אין אַ מלחמה, וואָס זאָל אָנ:רייטן געווער פאַר דער מלחמה. דערצו איז ער צו אַלט, און זיינע קינדער פאַרמאָגן ניט זיינע מעלות און ניט זיין אויטאָריטעט. גראָד איצט האָבן זיך די שונאים צוזאַמענגענומען פון אַלע זייטן. די עמונים, די פלשתים הערשעווען אַלץ מער; די נויטיקייט פון אַ מלך איז קלאָר פאַר אַלעמען, נאָר דער נביא איז קעגן. ער האָט מורא, אַז דער מלך וועט אַרויסשטופן דעם נביא, אָפּשוואַכן זיין באַטייט. דער שטרענגער נביא ווערט זיך מיט אַלע קרעפטן קעגן איינפירן אַ מלך. ער נעמט עס אָן פאַר אַ פערזענלעכער באַליידיקונג.

— זאָגט מיר נאָר, האָב איך ביי וועמען צוגענומען זיין אָקס, אָדער זיין אייזל? האָב איך וועמען באַרויבט, באַהאַלטן וואָס פון וועמען?! האָב איך פון וועמען שוחד גענומען?

ניין, די עברים האָבן גאָרנישט וואָס אויסצוזעצן קעגן שמואלן, אָבער אַ מלך איז נויטיק אין ישראל. עס איז אַ פאָלקסזאַך.

שמואל מאָלט דעמאָלט אַ בילד פון שווערע צינזן, אָפּצאָלונגען, שקלאַפעריי, אין וועלכע די עברים וועלן אַריינפאַלן נאָכדעם, ווי זיי וועלן באַשטימען אויף זיך אַ מלך.

— אייערע זין וועט ער צונעמען פאַר רייטער, לויפער, פאַר געווערמאַכער; אייערע טעכטער פאַר קעכינס, פאַר בעקערינס. די פעלדער, די וויינגערטנער וועט ער אַוועקגעבן זיינע באַדינער. די אייזלען וועט ער צונעמען צו דער אַרבעט, די שאָף, די זריעה וועט ער צענטלען!

און די זעלבע עברים, וואָס האָבן אַלעמאָל אַזוי נעפאָלגט און

געזאָגט שמואלן, ווילן אים איצטער נאָר ניט הערן. זיי האָבן אײן טענה:

— גיב אונדז אַ מלך. לאָמיר אויך זיין ווי אַלע פעלקער, זאָל אונדז אַן אייגענער מלך משפּטן, זאָל ער גיין פאַרויס פירן אונדזערע מלחמות.

שמואל מוז נאָכגעבן. ער פילט זיך אָבער באַליידיקט. ער איז אומצופרידן מיט די עברים, מיט זייער אומדאַנקבאַרקייט, מיט זייער אומצוטרוי צו גאָט און צום שופט. די אומצופרידנ־קייט, דעם אומגערן וועט ער שפּעטער אַריבערטראָגן אויפן מלך. די איבערגעבראָכענע ליניע פון נביא, די סתירה צווישן נביאס פאַרלאָזן זיך אויף גאָט און דעם געצווונגענעם אויסוואַל פון אַ מלך, וועט זיך באַלד לאָזן הערן, וועט זיך אויסגיסן אויפן אומ־שולדיקן קאָפּ פון אויסגעקליבענעם מלך. דערווייל אָבער מוז שמואל נאָכגעבן, מוז טאָן דעם ווילן פון פאָלק.

שמואלס אויפמערקזאַמקייט ציט צו זיך דער הויכער, שיי־נער העלדישער און באַשיידענער שאול. דאָס, וואָס ער איז ניט קיין יחסן, שטאַמט פון אַ יונגער משפּחה פון ייִנגסטן שבט בנימין, איז נאָך אַ מעלה, — שאול וועט ניט פאַרגעסן אָן גאָט און אָן זיין נביא. נאָר צוליב אים און ניט צוליבן אייגענעם יחוס איז ער געוואָרן אַ מלך.

און שמואל נעמט דעם קרוג אייל, זאַלבט שאולס שיינעם קאָפּ פאַר אַ האַר אויף גאָטס נחלה, קושט אים. שאול איז אָנערקענט פון גאָט און פון נביא פאַר אַ מלך איבער ישראל.

עס איז אָבער נאָך ווייט פון דעם, אַז די עברישע שבטים זאָלן אָנערקענען שאולן פאַר אַ מלך איבער זיך.

באַלד אָדער נאָך פריער האָט פּאַסירט אַזוינס, וו שאול האָט באַוויזן, אַז ער איז ווערט צו זיין געזאַלבט פאַר אַ מלך.

די שטאָט יבש גלעד, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון עמונישן גרעניץ, האָט שוין ניט איין מאָל געליטן פון אירע שכנים. ווייסנדיק זייער איינזאַמקייט און שוואַכקייט, האָבן די איינוווינער פון גלעד פאַרלאָרן די האָפענונג קעגנצושטעלן זיך. „שליס מיט אונדז אַן אָפּמאַך און מיר וועלן זיין דיינע קנעכט,“

האָבן געזאָגט די מענטשן פון יבש גלעד צום מלך פון עמון.

ביי די עמונים איז דעמאָלט געווען אַ מלך נחש — אַ שלאַנג. האָט ער געשטעלט אַ באַדינג פון אַ שלאַנג — אויסשטעכן אַלע־מען די רעכטע אויג, כדי אַזוי אַרויפצולייגן אַ חרפה אויף יש־ראל. די דערשלאָגענע מענטשן פון גלעד האָבן אָפן געענט־פערט: „גיב אונדז זיבן טעג, מיר וועלן פונאַנדערשיקן שלוחים איבער ישראל; וועט ניט זיין, ווער עס זאָל אונדז העלפן, וועלן מיר אַרויס צו דיר.“ ווען די שלוחים זיינען געקומען אויפן באַרג צו שאולן, איז ער ניט געווען אינדערהיים. שאול קומט פון פעלד, ער הערט אַ געוויין טראָגט זיך פון בערגל. דאָס פאָלק וויינט.

— וואָס האָט געטראָפן?

און מען האָט אים דערציילט די שענדלעכע באַדינגונג פון עמונישן שלאַנג.

און גאָטס גייסט האָט „באַגליקט“ שאולן. דער צאָרן פון פאָלק האָט זיך פאַרקערפּערט אין שאולס אַקטיווקייט. איין רע־טונג איז דאָ — א י נ י ק י י ט, ג ע מ י י נ ז א מ ע ר ק א מ ף! שאול נעמט אַ פּאָר רינדער, צעשניידט זיי אויף שטיקער און שיקט פונאַנדער איבער אַלע גרעניצן פון ישראל.

— אַזוי וועט מען צעשניידן יענעמס רינדער, וואָס וועט ניט אַרויסגיין נאָך שאולן!

ניט קיין געוויין, נאָר אַ רוף צו קאַמף.

דערהערט אַזוינע רייד, אַזאַ מוטיקן רוף, האָבן זיך מאַקע די עברים אויפגעקליבן, אַפילו די העלדן פון יהודה האָבן ניט אויסגעפעלט.

די שלוחים פון גלעד גיט שאול אַ קורצן ענטפער:

— זאָגט אין יבש גלעד, אַז מאָרגן, ווען די זון וועט זיך פונאַנדערוואַרעמען, וועט איר שוין געהאָלפן ווערן.

א שמחה איז געוואָרן אין שטאָט. די ערשטע פרייד, וואָס שאול האָט אַריינגעטראָגן אין פאָלק מיט זיין מוטיקייט.

אין דריי רייען האָט שאול אויסגעשטעלט דעם עברישן חיל. אינדערפרי האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין עמונישן לאַגער און

ביז האַלבן טאָג זיך געשלאָגן, צעשפּרייט דעם שונא. צוויי צו־
זאַמען זיינען ניט געלאָפן.

די חרפּה פון ישראל איז אַראָפּגענומען.

אַנטשוויגן געוואָרן זיינען די קעגנער פון שאולן. זיינע
אָנהענגער האָבן זיי געוואָלט טויטן, נאָר שאול האָט ניט גע־
לאָזן: „קיינער זאָל ניט געטויט ווערן אין טאָג פון הילף אויף
ישראל."

.2

די מלחמה מיט די עמונים איז נאָר געווען אַ פאָרשפּיל צו
דער הויפּט־מלחמה, וואָס איז פאָרגעשטאַנען, צו וועלכער עס
איז באַזונדערש נויטיק געווען אַ העלדישער מלך, — צו דער
מלחמה מיט די פּלשתים. נאָר אַ קליינער טייל פון ארץ ישראל
איז געבליבן זעלבשטענדיק. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אונ־
טערטעניק די פּלשתים, געצאָלט זיי צינזן, זיי געדינט. די פּלש־
תים זיינען געווען אַ ציוויליזירט פאָלק, וואָס האָט געלעבט ביים
ברעג פון מיטללענדישן ים, געהאַט אייזן, שווערדן, שפּיזן, ווע־
גענער, געלערנטע רייטער. די מאַכט ביי די פּלשתים איז גע־
ווען אַן אויטאָריטאַרע, פונאַנדערגעשטעלט נציבים אין די באַהער־
שטע פּראָווינצן, צוגענומען פון דאָרט די שמידן, די אַרבעטער;
קיינער פון די באַזיגטע זאָל ניט האָבן קיין שווערד, קיין שפּיז.
אַפילו קיין שאַרפשטיין אָנצושלייפן אַן אַקער, אַ זעג האָבן זיי
ניט געלאָזן ביי די עברים.

דער קריג קעגן די פּלשתים איז געוואָרן אַ באפרייונגס־קריג.
שאול און זיין זון יונתן זיינען געווען די העלדן פון קריג. דער
יונגער יונתן האָט באמת באַוויזן וואונדער. אַ יונגער אָדלער אין
זיין פלינקייט, אַ לייב מיט זיין מוטיקייט. ער האָט געהרגעט
דעם פּלשתישן נציב; אַליין מיט זיין יינגל, דעם געווערטראָגער,
זיך אַרויפגעקליבן אויף אַ שפּיציקן פעלז, וואָס איז געווען פאַר־
נומען פון די פּלשתים, און מיט אַ געוואַגטן שפּיצל דאָרטן אַרויס־
גערופן אַ מהומה.

די מלחמה איז דערוויל אַ פּאַרטיזאַנישע. אויף קיין אַנ־

דערע זיינען נאָך די עברים ניט פעיק. די פּלשתּים פילן אָבער שוין אַ פעסטע האַנט. עס איז שוין ניטאַ מחנה פאַסטעכער, וועלכע עס איז לייכט צו צעשלאָגן, צעשטרייען.

באַלד אָבער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע מלחמה. צוויי רעגולערע חילות האָבן זיך אויסגעשטעלט איינער קעגן אַנדערן. די פּלשתּים גרייפן אָן, זיי זיינען שוין דערגאַנגען ביז מכמש. שאול מיט זיין חיל געפינען זיך אין גלגל. אַ קליינער שטח טיילט זיי אָפּ. שאולס חיל איז ניט אַזוי באַוואָפנט, ווי דער פּלשתּישער, ניט אַזוי אויסגעפּרוווט אין קאַמף, אָבער באַגייס־טערט דורכן נייעם מלך און זיין העלדישן זון יונתן. ווער וועט זיגן? אויפן וואָג־שאָל ליגט ניט נאָר שאולס גורל, נאָר דער גורל פון דער נייער מלוכה.

אין דעם מאָמענט האָט דער נביא געפונען פאַר נויטיק זיך אַריינצומישן; זיבן טעג זאָל מען אויף אים וואַרטן אין גלגל. ער וועט קומען ברענגען דעם קרבן און ערשט דעמאָלט זאָל מען זיך לאָזן אין קריג.

דאָס זיינען געווען זיבן שווערע אויסדויער־טעג. קען מען דען אָפּלייגן אַ מלחמה, וואַרטן ביז אַ געוויסן טאָג? וועלן דען די פּלשתּים וואַרטן? איז דאָך אַזוי וויכטיק, ווער עס וועט נע־מען די איניציאַטיוו אין די הענט! און די פּלשתּים וואַרטן טאַקע ניט, רוקן זיך אַלץ נעענטער. נאָך אַ טאָג און זיי וועלן אָנפאַלן! די גאַנצע זאַך שטייט אין קאָן. דער עברישער חיל פאַרשטייט ניט דעם צוויגערן, דעם אומזיסטן וואַרטן. ביסלעכ־ווייז צעלויפט מען זיך. אינגאַנצן זעקס הונדערט מענטשן זיי־נען געבליבן אַרום שאולן..

אָבער אָט זיינען שוין פאַרביי די זיבן טעג, און דער נביא קומט נאָך אַלץ נים. וואַרטן לענגער הייסט אַ מפּלה, אַ קאַ־טאַסטראָפע פאַר דער גאַנצער נייער מלוכה. און שאול נעמט זיך מוט, ברענגט אַליין דעם קרבן, כדי צו ראַטעווען די לאַגע אין לעצטן מאָמענט.

דעמאָלט קומט אַרויף שמואל, באַליידיקט, וואָס מען האָט אויף אים ניט געוואַרט, מיט אַ טענה צו שאולן:

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?

שאול דערקלערט, ווי די זאַך איז:

— דאָס פֿאָלק צעשפּרייט זיך פֿון מיר, די פּלשתים זײַנען שוין אין מכמש, דו ביסט צו דער באַשטימטער צייט ניט געקומען.

עס העלפֿן ניט קיינע פֿאַרענטפֿערונגען.

— דו האָסט זיך באַנאַרישט, די מלוכה וועט ניט האָבן קיין קיום, דו ביסט גאָט ניט צום האַרצן.

דער ערשטער טראָפּן סם אין שאולס נשמה. אָנשטאָט צו מוטיקן דעם מלך פֿאַרן קריג, האָט אים דער נביא אַנטמוטיקט, צוגענומען די האָפֿענונג.

און נאָר צוליב דער אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט פֿון שאולן, האָט ער דעם קריג געוווּנען; געוווּנען, ניט קוקנדיק אויף דער אַנטמוטיקונג פֿון שמואלן.

אַ קליינער עפּיזאָד דערציילט אונדז וועגן דער זעלטענער דיסציפּלין, וואָס שאול האָט איינגעפֿירט אין מחנה. ער האָט באַשוואָרן, אַז אין טאָג פֿון נצחון איבער די פּלשתים זאָל קיינער ניט פֿאַרזוכן קיין עסן. יונתן, וואָס האָט ניט געוווּסט פֿון דעם, האָט אויפֿן שפּיץ שטעקן אַ לעק געטאָן פֿון פֿעלדהאָניק. פֿאַר אַזאַ „דיסציפּלין־ברוך" האָט שאול געהייסן טויטן דעם אייגענעם זון, דעם העלד פֿון טאָג. און יונתנס ענטפֿער איז געווען:

— הנני אמות — איך בין גרייט צום שטאַרבן.

נאָר דאָס פֿאָלק האָט ניט געלאָזט טויטן דעם העלד, וואָס האָט געוווּנען דעם קריג.

שאולס ערשטע מלחמה מיט די פּלשתים האָט זיך גליקלעך פֿאַרענדיקט. שאול האָט אַרויסגעוויזן ניט נאָר העלדישקייט, נאָר אויך סטראַטעגישע פֿעיקייטן און אָפּפֿערווילִיקייט. די אויסוואַל פֿון שאולן פֿאַר אַ מלך איבער ישראל האָט זיך פֿולשטענדיק באַרעכטיקט. פֿון איצט אָן איז דער קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייונג אָנגעטרויט אין זיכערע הענט. ניט נאָר מיט די פּלשתים האָט זיך שאול אָן עצה געגעבן, נאָר מיט אַלע פֿיינט אַרום; מיט

מואב, עמון, אדום, מיט די מלכים פון צובה. אומעטום באַזיגט שאול, פאַרטיידיקט די עברים פון ווילדע רויבערייען, פון וואָס עס ליידן שטענדיק די ערדאַרבעטער, וואָס זיינען אַרומגערינגלט פון נאָמאַדן. די לאַגע פון דער נייער מלוכה פאַרפעסטיקט זיך אַלץ מער. שאולס פּאָפּולאַריטעט וואַקסט. דער נייער מלך האָט אויך פאַרשטאַנען צו געפינען די פּאַסנדיקע מענטשן פאַר יעדער אַרבעט, — אַ פעיקייט, וואָס איז באַזונדערש נויטיק אין אָנהייב פון גרינדן אַ מלוכה. „איז נאָר ווו געווען ביי די עברים אַ גבור, אַ פעיקער מענטש, האָט אים שאול צוגענומען צו זיך.“

שמואל איז פאַר דער צייט ווי אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט. אָבער אָט איז געקומען דער נביא מיט אַ נייער אויפגאַבע. די אויפגאַבע איז מער אַ רעליגיעזע, ווי אַ מיליטערישע. עמלק איז אַ היסטאָרישער שונא פון די עברים. נאָך ווען די עברים האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן מדבר, זיינען די עמלקים געווען די ערשטע, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אויף זיי. און אויך איצטער זיינען זיי די ווילדסטע רויבער, וואָס פאַלן אָפט אָן אויף די עברים. און שמואל קומט צו שאולן אין גאָטס נאָמען מיט אַ באַפעל, — אויסראָטן עמלק, פאַרוויסטן אָן רחמנות, טויטן מאַן און פרוי, קליין און גרויס, שאָף און רינד, קעמלען און אייזלען — אַ חרם איבער עמלק!

די מלחמה איז אַרויס ניט פון שאולס איניציאַטיוו. קיין סטראַטעגישע נויטיקייט אין איר איז ניט געווען צו יענער צייט. דער כאַראַקטער פון באַפעל, — אַ חרם איבער אַ פאָלק, — איז ניט צום האַרצן דעם גוטמוטיקן שאולן. דאָך איז שאול גרייט גלייך אויסצופירן דעם נביאס באַפעל. שאול קלייבט צונויף אַ גרויסן חיל און לאָזט זיך אויף עמלק. דערביי באַווייזט שאול זיין פיינעם היסטאָרישן חוש. אויסגעמישט מיט די עמלקים האָבן געלעבט די קינים. דאָס איז געווען אַ פריינדלעכער שבט צו די עברים; און שאול שיקט זאָגן צו די בני הקיני: גייט אַרויס, רוקט זיך אָפּ פון די עמלקים. מיר גייען זיי פאַרניכטן, און איר קענט נאָך ליידן אומזיסט.

די מלחמה מיט עמלק איז דורך מיט גרויס דערפאָלג. שאולס

חיל האָט דורכגעגישטערט גאַנץ עמלק, פון צפון ביז דרום, ביז שור, וואָס האָט געגרעניצט מיט מצרים. דערביי גע־ דענקט און אָפּגעהיט שמואלס באַפעל. נאָר דעם מלך פון עמלק אַגגן, א באַוווסטן רויבערישן העלד, האָט מען געבראַכט אַ לע־ בעדיקן, ווי אַ טראָפּעע.

דאָס איז שוין געווען ניט נאָר אַ פּאַרטיידיקונגס־מלחמה, נאָר אויך אַן אָנגריף. שאול האָט פאַרשטאַנען צו פאַראייניקן די נויטן פון דער מלוכה מיט דער געהאָרכזאַמקייט צו גאָט און זיין נביא. אַ פרייליכער, ווי אַ זיגער, קומט ער אַרויס צו שמואלן. אָבער אומפריינדלעך באַגעגנט אים דער נביא:

— וואָס פאַר אַ שטימען פון שעפסן און רינדער דערגייען דאָס צו מיינע אויערן?

שאול פילט אַן אומצופרידנקייט אין נביאס פראַגע און אַנ־ שטאָט צו ענטפערן, פאַרענטפערט זיך דער מלך:

— דאָס איז מלחמה־רויב אויף קרבנות פאַר גאָט. דאָס פאָלק האָט רחמנות געהאַט. עס איז געווען אַ שאָד אומזיסט אומצוברענגען אַזוי פיל שאָף.

אָבער שמואל כעסט נאָך מער:

— וואָס פאַרלאַנגט דען בעסער גאָט: מען זאָל פאַר אים פאַרברענען און קוילענען, אָדער האָרכן זיין געבאָט? פאַרשטענ־ דעניש איז פאַר אים טייערער, ווי די פעטס פון די שעפסן. די זינד פון ווידערשפעניקן איז אַזוי גרויס, ווי די זינד פון כשוף און בילדער. דו האָסט פאַרמיאוסט גאָטס רייד און גאָט וועט פון דיר צונעמען די מלוכה.

שוין פאַרשפילט די מלוכה?! שוין פאַרלאָרן דעם חן אין גאָטס אויגן! פאַרוואָס?

צוליב דעם, וואָס ער האָט אַ לעבעדיקן געפאַנגען דעם שונא. אָבער אַ לעבעדיקער אגג, געשמידט אין קייטן, איז מער ווערט, ווי אַ דערהרגעטער.

אָדער צוליב אַ ביסל שאָף. יאָ, דער גוטמוטיקער ערדאַרבע־ טער, פּאַסטעך, וועמעס אויערן האָבן מיט רחמנות פאַרנומען דעם קול פון שאָף, האָט ניט געקענט פאַרשטיין דעם נביאס כעס

אויף שטומע באַשעפענישן. אַפילו די יידישע מסורה, וואָס האַלט געוויינלעך פאַר שמואלן, געפינט וואַרעמע ווערטער און מאָטיוון פאַר שאולס האַנדלונג. מען האָט אים פאַרביטערט דעם לעבן, דערציילט די מסורה. שאול האָט געטענהט: אויב די מענטשן (עמלקים) האָבן געזינדיקט, איז וואָס איז די בהמה שולדיק? אויב גרויסע האָבן אַ שולד, זיינען דאָך אָבער קינדער אומשולדיק.

שאול אָנערקענט זיין שולד: ער האָט זיך גערעכענט מיטן מיינונג פון פאָלק, זאָל מען אים דאָסמאָל מוחל זיין.

באמת אַ וויכטיקער מאָטיוו, צוליב וועלכן מען האָט אים געמעגט מוחל זיין אַפילו אַ גרעסערע אומגעהאָרכזאַמקייט. אַ יונגער מלך מוז זיך רעכענען מיטן ווילן פון פאָלק.

שאול בעט זיך ביים נביא, ער זאָל אים ניט פאַרלאָזן, ניט פאַרשעמען פאַרן פאָלק, אין די אויגן פון די זקנים, ניט מאַכן רערפון קיין עפנטלעכע מחלקה. אָבער האַרט ווי אַ שטיין איז די האַרץ פון נביא און ער קערט זיך אָפּ פון שאולן. שאול כאַפּט אָן דעם נביא פאַר דער פּאָלע פון זיין נביאישן מאַנטל, אָבער שמואל גיט זיך אַ ריס, דער מאַנטל צערייסט זיך — אַ סימן, אַז צעריסן האָט גאָט פון שאולן די מלוכה, אָפּגעגעבן אַן אַנדערן, אַ בעסערן פון אים. און זאָל שאול ניט האָפן, אַז די לאַגע וועט זיך ענדערן, בעסערן. „דער אייביקער פון ישראל איז ניט אַזאַ, וואָס בייט זיין באַשלוס.“

דער באַשיידענער, גוטהאַרציקער שאול האָט ניט געקענט פאַרשטיין די שטרענגקייט פון נביא, און ניט געהאַט אַ גענוג שטאַרקן ווילן אים זיך קעגנצושטעלן.

פון איצט אָן איז שאולס גאַנצקייט געבראָכן. די סתירה צווישן פּאַסטעך און מלך, צווישן מלך און נביא איז אַלץ געוואַקסן. שאול איז געוואָרן ניט זיכער מיט דער מלוכה. אַ שרעק, אַ מורא האָט זיך אַריינגעגנבעט צו אים אין נשמה, איבערגעמאַטערט טאָג און נאַכט. צי וועט מען אָנערקענען זיין אַווטאָריטעט קעגן דעם נביא? אַ בייזער גייסט האָט זיך באַזעצט אין שאולן, דער גייסט פון פאַרדרוס, פון אומזיכערקייט. פון

אַ גומן מענטשן האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שלעכטן, פון אַ מילדן אין אַ גרויזאַמען, פון אַ רויקן אין אַ שטענדיק אויפֿ־גערעגטן. אַפילו צום אייגענעם זון, צום העלדישן יונתן, איז ער געווען שלעכט. שאול האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו מענטשן, אַלעמען אין עפּעס חושד געווען.

שאול האָט אויך ווייטער געהאַלטן מלחמות, געזיגט, אויסער־לעך געפירט זיך ווי אַ מלך. אינערלעך אָבער איז ער געווען שוין אויס מלך, שטענדיק זיך געשראָקן פאַר דער מלוכה, פאַר דער צוקונפט.

„אַן אַנדערן אַ בעסערן פון דיר האָט גאָט אָפּגעגעבן די מלוכה" — האָבן שטענדיק געקלונגען דעם נביאס ווערטער אין שאולס אויערן.

ווער איז דער אַנדערער?

.3

אין בית לחם, אין יהודה, האָט געלעבט דער שאָף־באַזיצער ישי. ער האָט געהאַט אַכט זין. דער ייִנגסטער מיט די גע־קרייזלטע האָר, פאַרברענט פון זון, האָט געהייסן דוד. אָפט פלעגט ער מיטנעמען מיט זיך זיין בויגן צום שיסן, זיין האַרפּע צו שפּילן און אויף טעג און וואָכן מיט די שאָף צוזאַמען פאַר־פאַלן ווערן צווישן די בערג פון יהודה.

דאָרט האָט ער געשאָסן אין ציל און געטראָגן אויפן האָר. זיין האַרפע האָט געוועקט דעם מאָרגנשטערן; די גראָז און די ביימער האָבן זיך צוגעהערט צו זיין שפּילן; די בלומען האָבן זיך געעפנט און געהאָרכט.

צווישן שאולס געטרייע קנעכט איז געווען איינער פון בית לחם. ער האָט דערציילט וועגן וואונדער־ייִנגל. מען האָט דודן געבראַכט אין הויף. שאול הערט זיך צו צום ייִנגלס שפּילן: ער פילט, ווי זיינע אָנגעשטרענגטע אָדערן לאָזן אָפּ, ווי דער שרעק גייט פאַרביי, ווי די האָפענונג קערט זיך אום. אַ זיסע מיד־קייט האָט זיך אויסגעגאָסן איבער שאולס קערפּער. ער האָט איינגעדרעמלט און אין שלאָף אַרויסגעהערט באַקאַנטע און אָנ־

גענעמע געהאָרכן פון פעלד, רוישן פון ביימער, קולות פון שאָף, געזאַנג פון פייגלען. פון דודס שפּילן האָט שאול אַרויסגעהערט דעם אָנגענעמען פליסן פון וואַסער אין טייך, די באַוועגונג פון אָפּפרישנדיקן ווינט אין פעלד, דעם גערויש פון די צווייגן. דאָס איז אַלץ אַזוי גוט און אַזוי געזונט. דודס האַרפע האָט שאולן אומגעקערט צום פעלד, צו דער רויקער צייט.

שאול האָט שוין דודן פון זיך ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט ליב באַקומען דעם יינגל, אים מקרב געווען. ווען די אַרומיקע האָבן דערזען, ווי דער בייזער גייסט קומט אָן, רוקט זיך, ווי אַן אומגליק, האָט מען אויף גיך גערופן דודן, געהייסן שפּילן. ווי אַ רפואה־געטראַנק איז געווען דודס שפּילן צו שאולס קראַנקן געמיט. שאול אַליין האָט זיך געווערט קעגן דער קראַנקהייט, ער האָט דודן געהאַלטן נעבן זיך און אָפט אים געהייסן שפּילן, כדי צו פאַרגעסן די זאָרגן.

און זאָרגן איז טאַקע געווען פיל. נאָך דעם ערשטן נצחון פון די עברים, האָבן די פּלשתים זיך ווייט ניט באַרויקט. דאָסמאָל האָבן זיי אַרויסגעשטעלט זייער העלד, דעם גבור גליתן, וועלכער האָט געשפּאָט פון די עברים; זאָלן זיי געפינען אַזאַ, וואָס זאָל זיך פאַרמעסטן מיט אים, אין אַ צוויי־קאַמף באַשליסן, וועמען דאַרף געהערן דער נצחון.

צווישן די עברים איז ניט געווען אַזאַ גבור, וואָס זאָל וואַגן זיך קעגנשטעלן גליתן. און דער העלדישער, אָבער שוין קראַנקער שאול איז געפאַלן ביי זיך, געדריקט, האָט מורא פאַרן אויסגאַנג פון קריג. פאַרפאַלן דער מוט, געבליבן נאָר דער פּחד.

צום מלך איז צוגעגאַנגען דער שפּילער פון בית לחם און רעדט האַרציק:

— זאָל דער מלך ניט זיין געפאַלן ביי זיך. דיין קנעכט וועט גיין האַלטן מלחמה מיט דעם מאַן.

אויך דאָ האָט שאול געוואַקלט, ניט געוואָלט לאָזן דוד שלאָגן זיך מיט גליתן, געצפּקט אין אויסגאַנג. אָבער קיין אַנדער ברירה האָט ער ניט געהאַט.

דוד איז אַוועק און באַזיגט גליתן, געבראַכט זיין שווערד מיט זיין קאָפּ. די פּלשתים זיינען זיך צעלאָפן.

צווישן שאולס גבורים איז איצט צוגעקומען אַ נייער העלד — דוד. איז ער פריי פון קריג, שפּילט ער אויף דער האַרפע און דערפרייט שאולס געמיט; רופט דער פּלשתי, נעמט דוד דעם שווערד אין האַנט און באַזיגט דעם שונא. שאול האָט אַלץ ליבער באַקומען דודן, אים באַשטימט פאַר זיין געווערטראָגער, און דער גליק האָט באַגלייט דעם יינגל, ווו ער קערט זיך.

אָבער ניט נאָר שאול אַליין האָט ליב דודן. אים האָבן ליב אַלע, וואָס טרעפן זיך נאָר מיט אים, און שטאַרקער פון אַלעמען האָט אים ליב שאולס זון, דער העלדישער יונתן, דער טראָנפאָלגער פון דער מלוכה. יונתן האָט אַראָפּגענומען דעם קיטל פון זיך און אָנגעטאָן דודן, זיין גאַרטל, דעם שווערד, זיין בויגן, — אַלץ אָפּגעגעבן דודן. עפּעס מיט אַן אויסטערלישער ליבע האָט זיך דער העלדישער יונתן צוגעבונדן צו דודן. און אים איז אויך פאַרליבט שאולס יינגערע טאָכטער, די שיינע און שטאָלצע מיכל.

איינמאָל, נאָך אַ פרישן נצחון איבער די פּלשתים, ווען די פרויען האָבן אין טענץ און געזאַנג אויסגעגאָסן זייער פרייד, הערט זיך צו שאול, ווי מען זינגט דערביי:

„ציילט איבער די דערהרגעטע פיינט,
אין טויזנטער האָט שאול געשלאָגן,
און אין צענדליקער טויזנטער דוד.“

— וואָס? איז עס מעגלעך? האָט זיך עס אים ניט אויסגעדוכט? און שאול הערט זיך צו נאָכאַמאָל, ווי די זינגערקעס פאַרענדיקן זייער געזאַנג:

„אין טויזנטער האָט שאול געשלאָגן,
און אין צענדליקער טויזנטער דוד.“

דער געזאַנג האָט זיך אַריינגעשניטן שאולן אין נשמה. עס האָט אים דערמאָנט דעם נביאס ווערטער: „אַן אַנדערן, אַ בעסערן וועט גאָט אָפּגעבן די מלוכה“.

— אָט ווער עס איז „דער בעסערער“, אַ גרעסערער העלד פון מיר: ער שלאָגט די פיינט אין צענדליקער טויזנטער און איך

נאָר מויזנט — האָט שאול ווייטער געטראַכט. און אַ פייער פון אייפערזיכטיקייט האָט זיך אָנגעצונדן אין שאולס האַרצן.

שאול איז מקנא דודן. ער איז מקנא זיין העלדישקייט, זיין נאָמען, זיין דערפאָלג, די ליבע צו דודן פון אַלע זייטן. און נאָך מער האָט זיך געשטאַרקט דער אינערלעכער פחד, דער באַוווסטזיין, אַז ער, שאול, אַ זון פון יינגסטן שבט בנימין, איז ניט אויף אן אָרט. די גאַנצע צייט באַציט זיך יהודה קאַלט צום ערשטן מלך, וואָס איז אַרויסגעשפרונגען נאָר פון שבט בנימין. די מקורבים, די שרים, דער קריגספירער אבנר — אַלע פון בנימין. מיט מער רעכט קומט די אָנפירערשאַפט דעם העלדישן און שטאַרקן שבט יהודה. די מלחמה מיט עמלק איז אייגנטלעך געווען נאָר אין יהודהס אינטערעסן. אָט פאַרוואָס דער נביא האָט אַזוי איינגעלייגט די וועלט פאַר דער מלחמה מיט עמלק, פאַר אַ חרם איבער עמלק! — האָט געטראַכט שאול.

און ער, דוד, איז טאַקע פון שבט יהודה! פון גרעסטן און שטאַרקסטן שבט, וועלכער וויל זיך ניט אונטערוואַרפן זיין יינגערן ברודער. זאָל נאָר דוד אויפהייבן אַ בונט, גלייך וועט יהודה צושטיין צו אים. די אַלטע שנאה און קנאה צווישן די שבטים וועט אויפלעבן!

די געדאַנקען זיינען דערוויי‍ל נאָר ביי שאולן אין קאָפ. קיין אַנדערן קומט עס גאָרניט אויפן זינען. אָבער ביי שאולן האָבן זיי געפונען אַ נאַרהאַפטן באָדן. די ספקות, דער אינערלעכער שרעק, די אומזיכערקייט זיינען געוואַקסן.

די שלאַנג, וואָס דער זעער שמואל האָט אַמאָל אַריינגעזעצט ביי שאולן אין האַרצן, האָט איצט אַרויסגערוקט איר קאָפ!

און שאול ווערט פון טאָג פינצטערער, שלעכטער. זיינע טעג פאַרברענגט ער אומעטיק און פאַרשלאָסן, און זיינע נעכט זיינען שלאָפלאָז. ער שפירט נאָך, היט נאָך דעם אויסגעטראַכטן שונא, און קען זיך ניט אָפּרייסן פון געדאַנק, אַז ער, דוד, פון שבט יהודה, איז מער פאַסיק פאַר אַ מלך אויף ישראל, ווי שאול.

שאול פרווט אַרויסווייזן זיין אומצופרידנקייט מיט דודן, זיין חשד אויף אים, אָבער קיינער כאַפּט עס ניט אויף, ערגעץ גע-

פינט ער ניט קיין מיטגעפיל, און וואָס ווייניקער מיטגעפיל, אַלץ מער פּחד.

אין דודן איז פאַרליבט מיכל, שאולס ייִנגערע טאָכטער, די שלאַנקע, פיינע און שטאָלצע מיכל. אירע באַוועגונגען, איר האַלטן זיך איז מאַיעסטעטיש, אַזוי ווי זי וואָלט טאַקע געווען אַ געבוירענע בת מלכּה. אין אירע אויגן איז דוד דער גרעסטער העלד, זיין קאָפּ איז ווי צוגעפּאַסט צו טראָגן אויף זיך אַ קרוין. הייסט עס, אַז אויך זי, זיין אייגענע טאָכטער, האַלט פאַר דודן; פאַר דודן איז שוין צוגעגרייט אַ יחוס פון אַ מלכס איידעם, זיין, שאולס, יחוס.

שאול זוכט מיטלען, ווי פּטור צו ווערן פון דודן; מיכלס ליבע וויל ער אויסנוצן אין דעם פאַרבאַהאַלטענעם קאַמף.

די געדאַנקען פון מלך האָבן זיך געלאָזן אויף קרומע שטעגן.

דוד וואַגט ניט צו ריידן וועגן שאולס טאָכטער. אַז קיין נדן און קיין אויסקויף־געלט האָט ער ניט, קיין יחסן איז ער ניט. איז ווי אַזוי קען ער ווערן דעם מלכס איידעם?

און שאול שיקט אונטערזאָגן דודן, אַז קיין נדן וויל ער ניט, קיין אויסקויף דאַרף ער ניט און קיין יחוס זוכט ער ניט. דער מלך וויל איין זאַך — נקמה פון זיינע פיינד. הונדערט ערלות פון די פּלשתּים — דאָס איז זיין אויסקויף.

דער בייזער שפּיצל אָבער האָט זיך ניט איינגעגעבן. ניט הונדערט, נאָר צוויי הונדערט פּלשתּים האָט דוד דערהרגעט און באַקומען די שיינע מיכל פאַר אַ פרוי, געוואָרן דעם מלכס אַן איידעם. נאָכמער האָט זיך דוד דערנעענטערט צום מלך, און נאָכמער איז דער שונא אויס־געוואַקסן אין שאולס אויגן.

אָבער נאָכמער פון מיכלס ליבע, איז אויפפאַלנד און שמערצ־לעך פאַר שאולן יונתנס ליבע צו דודן. דוד איז יונתנס חבר, זיין בעסטער פריינד. שטענדיק זיינען זיי צוזאַמען, האָבן זייערע סודות. שטעקט ניט וואָס אין זייער ליבע? זיינען זיי ניט אין איין בונד קעגן אים? אָ, דער אייגענער זון, דער טראָנפאָלגער. לעבט דען נאָר שאול פאַר זיך? איז דען ניט פאַר אַלעמען וויכ־

טיק פּטור צו ווערן פון דודן? וויכטיק פאַר בנימינען קעגן יהודה, פאַרן גאַנצן פאָלק קעגן אַ מורד במלכות און קודם כל פאַר יונתנען. פאַרוואָס־זשע איז שאול אַזוי איינזאַם, פאַרוואָס גלויבט קיינער ניט זיינע ליידן?!

און שאולן איז שווער צו טראָגן דעם ווידערשפּרוך פון זיין אינערלעכער מורא און שנאה צו דודן און דער אַרומיקער ליבע און צוטרוי צו אים. די אַרומיקע וווּנדערן זיך אויף שאולס צו־שטאַנד. די צוקונפט מאָלט זיך שאולן נאָר אין טונקעלע פאַרבן, אָן האָפענונג. דער פיינד איז אַזוי שטאַרק, און ער איז שוואַך... דוד טראַכט אויס אַלץ נייע און אַלץ פרייליכערע נגונים. נגונים פול מיט זיכערקייט און האָפענונג. פון זיין האַרפע ציען זיך ווונדערבאַרע טענער. ביי אַלעמען ווערן די פּנימער ליכטיק, הערנדיק דודס שפּילן. אין שאול בלייבט פינצטער. שווערע, שלעכטע געדאַנקען באַהערשן אים.

שאול זיצט און דוד שטייט און שפּילט און אין איין רגע גיט שאול אַ וואָרף זיין שפּיז אין דודן. דוד שפּרינגט אָפּ אָן אַ זייט. דער שאַרפער שפּיז האָט זיך אין וואַנט אַריינגע־שטאָכן. די האַרפע איז דודן פון האַנט אַרויסגעפאַלן. דוד אַנטלויפט.

אַלע אַרומיקע זיינען צעטומלט און דערשראָקן. אָבער מער פון אַלעמען איז דערשראָקן שאול — דער גורל אַליין נעמט זיך אָן פאַר דודן. גאָט איז מיט אים. ער איז אַ גליקלעכער, אַ מזלדיקער. אַזאַ מענטשן צו האָבן פאַר אַ קעגנער איז אַ גע־פאַר. הייסט עס, אַז ער, שאול, איז אין געפאַר און ניט דוד, ווי דאָס מיינען אַלע.

איינזאַם איז שאול, די מענטשן גלויבן ניט זיינע ליידן.

נאָכן וואַרפן דעם שפּיז אויף דודן, קומט יונתן צום פאָטער. איז ער געקומען אים טרייסטן, מוטיקן? — ניין, ער קומט בעטן פאַר דודן, בעטן, ווי פאַר אַן אייגן קינד.

— וואָס האָסטו צו אים? עס וועט דאָך זיין אַ זינד פאַר גאָט. וואָס איז מיט דיר, פאָטער? דערמאָן זיך, ווי ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און איז אַרויס קעגן גליתן. דו אַליין

האָסט זיך געפּרייט אויף דער גרויסער הילף, וואָס איז געקומען דורך דודן, און איצט ווילסטו פאַרגיסן אומזיסט בלוט...

שאול הערט דאָסמאָל רויק אויס די פאַרטיידיקונגס־רייד פאַר דודן. יאָ, ער האָט חרטה. אים איז איצט לייכטער. ער האָט דאָך ליב דודן. ער שווערט, אַז עס וועט אים גאָרנישט געשען.

דוד אָבער איז צו קלוג צו טרויען איצטער שאולס רייד. ער ווייזט זיך מער ניט אויף די אויגן שאולן. ער מיידט אויס צו קומען אין הויף, — אַ נייער באַווייז פאַר שאולן, אַז דוד איז אַ פאַררעטער, זוכט צוצונעמען פאַר זיך שאולס קרוין.

עס איז דער יום־טוב ראש חודש. אַלע הויפלייט קלייבן זיך צוזאַמען צו דער סעודה ביים מלכס טיש. יעדער זיצט אויף זיין באַשטימטן אָרט. דודס אָרט איז אַנטקעגן שאולן. אָבער דער אָרט איז היינט ליידיק. שאול שווייגט. ער וואַרט אויפן צווייטן טאָג. דער אָרט איז ווידער פּוסט.

— ווו איז ישים זון? פאַרוואָס איז ער ניט געקומען צום טיש, ניט היינט, ניט נעכטן?

די פראַגע איז געווענדעט צו יונתנען. זיין גוטער פריינד וויים געווים די סיבה, פאַרוואָס ישים זון איז ניטאָ ביים טיש.

יאָ, יונתן וויים. אינדערהיים ביי ישין איז אַ פאַמיליען־יום־טוב, האָט זיך דוד אָפּגעבעטן אויף אַ טאָג, צוויי.

וואָלט שאול באמת געווען דער אויסגערעכנטער מערדער, וואָלט ער פאַרשוויגן, כלומרשט אָנגענומען יונתנס ענטפער, ביז־וואַנען דוד וואָלט געקומען, און דעמאָלט אים טויטן. שאול אָבער רעדט און טוט פון כעס, וואָס עס קומט אַרויף אויפן זינען, און ער וואַרפט זיך אויף יונתנען:

— דו, זון פון אַ פאַררעטערין, דו האַלסט אויך מיט ישים זון? זיי ווייסן, אַז אַזוי לאַנג, ווי ישים זון לעבט אויף דער וועלט, קען דיין מלוכה קיין קיום ניט האָבן. און זאָל מען אים גלייך ברענגען אַהער, וואָרום ער איז אַ בן מות.

יונתן פּרוּווט דאָך פאַרטיידיקן דודן.

— פאַרוואָס? וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן? פאַרוואָס טויטן?

אין אַ שרעקלעכן משוגענעם כעס וואַרפט שאול דעם שווערד אויפן אייגענעם זון. צום גליק האָט ער ווידער ניט געטראָפן.

איצט זעען אַלע, אַז דער גורל איז אונטערגעשריבן. דודס גורל, אָבער אויך שאולס גורל.

אייניקע היסטאָריקער גראָבן זיך אין דער פראַגע, אויב דוד איז באמת געווען אַ פאַררעטער אָדער ניט; איז פאָרגעקומען אַ פאַרשווערונג, אָדער דער חשד איז געווען אַן אומזיסטער. אַנ־דערע מיינען אַפילו, אַז יונתן איז געווען פאַרמישט אין דעם בונט קעגן זיין פאָטער און דערפון נעמט זיך די פריינדשאַפט מיט דודן, אַז זיי האָבן זיך באַצייטנס צעטיילט די מלוכה אויף אפרים און יהודה. אויף וויפיל דער תנך גיט ניט דערצו קיין אָנווייזונגען, בלייבן אַזעלכע מיינונגען מער ניט ווי פוסטע השערות. זיי זיי־נען אָבער גאָרניט גויטיק צו פאַרשטיין די לאַגע. פאַר שאולן איז געווען אייגנטלעך אַלץ איינס, אויב זיין מורא און חשד האָבן געהאַט אַן אָביעקטיוון גרונט, אָדער זיי האָבן זיך געשפּייזט נאָר פון זיין קראַנקער פאַנטאַזיע. אויך יונתנס האַנדלונג קענען מיר פאַרשטיין ווי אַ מיטלייד און מיטגעפיל צו אַן אומשולדיקן העל־דישן פריינד. דער קראַנקער געמיט שטופּט אָפּ פון זיך דעם געזונטן, מעג עס זיין אַפילו דער אייגענער זון. געלעבט און געשטאָרבן האָט יונתן אויך ווייטער צוזאַמען מיט זיין אומגליק־לעכן פאָטער.

## 4.

די שטאָט נוב איז געווען אַ כוהנים־שטאָט. דאָרט האָבן זיך געמאַכט אַ נעסט די אייניקלעך פון עלי הכוהן, ביי וועמען שמואל האָט זיך אין דער יוגנט געהאָדעוועט. דאָרט געפינט זיך דער לחם הפנים, דער הייליקער ברויט. דאָרט היט מען ווי אַ היסטאָרישע הייליקייט גליתעס שווערד, וואָס דוד האָט צוגענו־מען ביים פלשתישן גבור.

אין ערשטן אויגנבליק, ווען דוד איז אַנטלאָפן פון שאולן, איז ער געקומען אין נוב. איז ער געווען אַזוי ווייטזיכטיק און שוין געצויגן די כוהנים צו זיך? דער כראָניקער פון תנך גיט אָן

אַנדערע מאָטיוון: דוד האָט דערציילט די כוהנים, אַז ער איז
אייליק געשיקט פון מלך אין אַ געהיימניספולער שליחות, גע-
כאַפּט פינף לעבלעך ברויט פון לחם הפנים, גליתעס שווערד,
אויף וועלכן ער האָט געהאַט רעכט, און איז געלאָפן ווייטער.

שאול קומט אין נוב און איז חושד די כוהנים אין פאַרראַט,
אין שטעלן זיך אויף דודס צד. דער כוהן אחימלך, עלים אַן
אוראייניקל, ענטפערט שאולן לאָגיש: האָסטו דען נאָך אַזאַ גע-
טרייען קנעכט, ווי דוד, דעם מלכס איידעם, דעם אָנגעזעענסטן
אין מלכס הויז? ניט צום ערשטן מאָל קומט דאָך מיר אויס
צו דינען דודן מיט מיין כהונה. מיר האָבן אים געקענט נאָר
פאַרן מלכס געהאָרכזאַמען דינער און פון קיין זאַך ניט געוווסט.

שאול גלויבט אָבער ניט דעם כוהן, עלים אַן אייניקל. ביי
וועמען שמואלס אויטאָריטעט מוז נאָך געווים זיין שטאַרק. שאול
באַשטראָפט גרויזאַם די כוהנים, הייסט אויסהרגענען אַלעמען,
קיינער זאָל ניט בלייבן.

פינף און אַכציק כוהנים, געקליידעט אין בגדי כהונה, אין
אפודן, וואָס זיינען הייליק אין די אויגן פון פאָלק, הייסט שאול
דערהרגענען. ביי קיינעם פון שאולס נאָענטע מענטשן הייבט זיך
ניט די האַנט אויף די כוהנים, און שאול הייסט עס טאָן אַן
אדומי, וואָס פאַרשוועכט די הייליקייט פון פאָלק, פאַרגיסט די
בלוט פון די כוהנים.

דאָ איז שאול באַגאַנגען דעם גרעסטן דיפּלאָמאַטישן פעלער.
שאול דער איש חיל, דער אויפריכטיקער, באַשיידענער מענטש,
דער טרוימער, האָט ניט פאַרשטאַנען צו פאַראייניקן די מלוכה
מיט כהונה, מיט נבואה. ניט פאַרשטאַנען צוצוציען צו זיך די
כוהנים. זיין קעגנער וועט עס שפּעטער גלענצנד אויסנוצן. ער
וועט האָבן ביי זיך אי כוהנים, אי נביאים, וועלכע וועלן ריידן
פאַר אים צום פאָלק אין גאָטס נאָמען.

און האָט שאול חושד געווען די כוהנים אין פאַרראַט, האָט
ער געדאַרפט לאָזן אַנדערן זיי משפּטן, פּראָוואָצירן אַ פאָלקס-
געריכט און ניט אין כעסערהייט הייסן דעם אדומי זיי אויס-
הרגענען.

פון איצט אָן האָט מען פאַר שאולן מער מורא און ווייניקער ליב. אין די אויגן פון פאָלק האָט אַ מלך די רעכט צו הרגענען זיינע אונטערטאַנער, ער טאָר אָבער ניט צופיל מיסברויכן מיט דער רעכט.

דער שטילער פאַרבאַהאַלטענער קאַמף צווישן שאולן און דוד; האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענעם בונט, אין אַ מלחמה צווישן געזעצלעכן מלך, וואָס האָט פאַר זיך דעם גאַנצן פאָלק, דעם חיל, — קעגן אַן אַנטלאָפענעם, אמת, העלדישן מענטשן פון יהודה, וואָס האָט געקליבן אַרום זיך אומצופרידענע, פאַרביטערטע, ריקים ופוחזים, און אַזוי אֶנגעקליבן עטלעכע הונדערט איבערגעבענע מענטשן.

די כוחות זיינען ווייט ניט קיין גלייכע. דוד אַליין האָט זיך צו יענער צייט פאַרגליכן מיט אַ געפגרטן הונט, מיט אַ פליי, מער ניט שאולן האָט די פליי שטאַרק געביסן.

האָט אפשר דוד געהאַט אויף זיין זייט דעם מיטגעפיל פון פאָלק, די באַהאַלטענע סימפאַטיע פון אַרום?

אין די אויגן פון שאולן איז דאָס אַזוי געווען. אין זיין שווערן געמיט האָט ער אומעטום געזען בונט און פאַרראַט. איין מאָל, נאָכלויפנדיק נאָך דודן, האָט זיך שאול שווער אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים, מיטן שווערד אין האַנט, און זיך געווענדעט צו די נאָענטע:

— הערט זיך איין, איר זין פון ימיני! מיינט איר, אַז אַלע מען פון אייך וועט ישים זון געבן פעלדער און וויינגערטנער? אַלעמען וועט ער מאַכן פאַר האַרן איבער טויזנטער. איבער הונדערטער?! איר האָט געמאַכט אַ בונט קעגן מיר, קיינער דערציילט מיר ניט, אַז מיין אייגענער זון האָט געשלאָסן בלאָט מיט ישים זון; מיין אייגענער זון האָט דעם קנעכט אַנגעשטעלט אויף מיר פאַר א לויערער. קיינער ק ר ע נ ק ט ניט איבער מיר!

די לעצטע ווערטער גיבן אים אַרויס. שאול האָט זיך געפילט קראַנק און געזוכט מיטגעפיל, מען זאָל קרענקען איבער אים. די אַרומיקע, די זייטיקע, ווער רעדט דער חיל, זיינען געווען

געטריי שאולן און גאָרניט געטראַכט אַריבערצוגיין אויף דודס צד.

די שטאָט קעילה איז געווען באַדרויט פון די פּלשתים. די פייַנט זייַנען שוין געווען נאָענט לעבן שטאָט און שוין געריבט די שייערס מיט תבואה. האָט זיך גראָד דאָרט אויפן וועג געטראָפן דוד, אַנטלויפנדיק פון שאולן. דוד האָט זיך אָנגענומען פאַר דער שטאָט, צעקלאַפּט די פּלשתים און געראַטעוועט די מענטשן פון קעילה. און דאָך, אַפילו דאָרט, צווישן די מענטשן, וואָס ער האָט נאָר וואָס געראַטעוועט פון שונא, איז דוד ניט געווען זיכער. אויף דער פראַגע: צי וועלן מיך די מענטשן פון קעילה אַרויסגעבן שאולן?" האָט דער כוהן אביתר דורכן אפוד געענטפערט: „יאָ, זיי וועלן אַרויסגעבן."

ווי אַ פאַריאָגטער פויגל, באַהאַלט זיך דוד צווישן פאַרוואָרפענע פעלזן. די מענטשן פון דער שטאָט זיף האָבן זיך דערוווּסט, ווו דוד באַהאַלט זיך. זייַנען זיי אַוועק צו שאולן, אים דערציילט, זיי וועלן שוין כאַפּן דודן, אים איבערגעבן אין שאולס הענט. שאול דאַנקט דערפאַר, וואָס מען האָט זיך „דערבאַרימט" איבער אים.

אַזוי דאַנקט ניט אַ מלך, נאָר אַן אָרעמער, קראַנקער מענטש.

דודן איז געוואָרן אַזוי ענג, אַז ער האָט געמוזט אינגאַנצן אַנטלויפן פון זיין פאָלק, פון לאַנד, אַנטלויפן צו געפערלעכסטע שונאים, צו די פּלשתים, פאַרשטעלן זיך פאַר אַ משוגענעם, אַרויסגעבן זיך ווי אַ פאַררעטער. און אַפילו נאָך שאולס טויט האָט נאָר דער שבט יהודה אָנערקענט דודן. די איבעריקע שבטים, די מערהייט פון פאָלק, איז געבליבן געטריי שאולס משפּחה, הגם דאָרט איז ניט געבליבן קיין פּאַסנדיקער קאַנדידאַט פאַר אַ מלך.

די טרייקייט פון פאָלק צו שאולן איז געווען פעסט און זיכער. אומזיכער און שוואַך איז נאָר געווען שאולס אינערלעכער באַוווּסטזיין, זיין שרעק, אַז „אים האָט גאָט פאַרמאוסט און אויסגעקליבן פאַר אַ מלך אַן אַנדערן".

שרעק, מורא זיינען שלעכטע ראַטגעבער. שאול איז אָפּט געוואָרן גרויזאַם, ווי מיט די כוהנים.

זיינען גאָרניט געווען מינוטן פון אויפוואַכונג, פון אָפּרו, פון ליכטיקייט? — יאָ, אַזעלכע מאָמענטן זיינען געווען. ווי אַ בליץ פלעגן זיי דורכרייסן, דורכלויכטן די פינצטערניש, און ווידער — חושך, צאָרן, אומעט, שרעק.

איין צייט איז דוד אַנטלאָפן אין רמה, צו די נביאים. דעמאָלט זאָל נאָך האָבן געלעבט שמואל, און דוד האָט ביי אים געזוכט שוץ. שאול אָבער האָט זיך דערוווּסט, ווו דוד באַהאַלט זיך, און געשיקט מענטשן אים צונעמען פון דאָרט. אין קרייז פון די נביאים האָבן די שלוחים פאַרגעסן זייער אויפגאַבע און געקומען מיט גאָרנישט. דעמאָלט איז שאול אַליין אַוועק קיין רמה. אָבער אויך ער אַליין האָט ביי די נביאים פאַרגעסן אָן דער שנאה צו דודן. שאולן האָט ווידער ווי אַמאָל באַגליקט גאָטס גייסט. ער האָט זיך דערפילט היימיש, יונג. דער מלך פון ישראל האָט זיך „אויסגעטאָן נאַקעט", אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט געבוקט זיך, געפאַלן צו דער ערד אין באַגייסטערונג און נביאישן עקסטאַז.

דוד איז דערווייל אַנטלאָפן.

אויך מינוטן פון חרטה, פון געוויסנביסן האָבן באַזוכט שאולן. זיי האָבן אָבער ניט פאַרלייכטערט די שווערע פסיכישע משא, וואָס איז געלעגן אויף שאולן. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער נאָך קלאָרער געזען, ווי ווייט ער האָט פאַרשטופּט דאָס גליק, ווי פיל ער האָט פאַרלאָרן. די כוהנים אויסגעהרגעט, די נביאים אויפגעשטעלט קעגן זיך, זיי דינען זיין שונא.

שאול קלייבט אויס דריי טויזנט די בעסטע אויסדערוויילטע העלדן פון ישראל, אָבער ניט מיטן ציל צו גיין אויף די פּלשתים, נאָר... צו כאַפּן דודן. דוד מיט זיינע מענטשן ליגן עפּעס ערגעץ אין די פאַרבאָרגענע היילן, אין די גריבער, צווישן שטיינערנע פעלזן, ווו קיין מענטשנס פוס דערגרייכט ניט, סיידן אַן אינדיין, ווען זי אַנטלויפט פון אירע פאַרפאָלגער, און אויך דאָ דערגרייכט

שאול. דער פּחד לאָזט אים ניט צו רו, טרייבט שאולן נאָך דוד'ס טריט.

צווישן די בערג, אין אַ קרייז האָט זיך צוגעלייגט שאול, און דוד האָט זיך אינדערשטיל אונטערגעגנבעט, צוגענומען די קריגל וואַסער, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים, דעם שווערד, אַרויפגע־הויבן זיך אויפן שפּיץ באַרג, פון וויטן געשטראָפט שאולן:

— נאָך ווען האָט זיך אַרויסגעלאָזט דער מלך פון ישראל, נאָך אַ מילב. וואָס פאַר שלעכטס האָב איך געטאָן? אָט איז דיין לעבן געווען ביי מיר אין די הענט. און איך האָב ניט אויפ־געהויבן מיין האַנט אויפן געזאַלבטן אין ישראל!

שאול האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

דער געזאַלבטער פון ישראל וויינט. דאָס זייגען טרערן פון חרטה, פון שוואַכקייט פון באַוווסטזיין, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן.

— דו ביסט עס, מיין זון דוד! מיט גוטס האָסטו מיר באַצאָלט פאַר די שלעכטס, וואָס איך האָב דיר געטאָן. דו ביסט דער צדיק, און איך בין דער רשע.

אַזוי רעדט ניט אַ רשע, נאָר אַ קראַנקער, גוטער מענטש.

### .5

צוזאַמען מיט דער קראַנקייט, זייגען געוואַקסן שאולס ליידן. זיין כאַראַקטער האָט פאַרלאָרן יעדע שטאַנדהאַפטיקייט, גייט אָפּט אַריבער פון גרויזאַמקייט צו גוטמוטיקייט. זיין ענערגיע איז אינגאַנצן צעבראָכן. חרטה, געוויסנביסן פייניקן אים. די כוהנים אויסגעהרגעט, די נביאים פאַרטריבן, אָבער דוד האָט אַרום זיך אי כוהנים, אי נביאים. אַפילו די ליבע פון די אייגענע קינדער האָט שאול פאַרלאָרן. אַלץ האָט צוגענומען ישים זון, צעבראָכן אַפילו זיין משפחה. דער העלדישער יונתן, דער טראָנפאָלגער, איז מיט דודן, מיט דעם, וואָס וויל צונעמען ביי אים די מלוכה. ניט די קינדער וועלן ירשענען שאולן, ניט זיין שבט בנימין, נאָר דער שבט יהודה.

פאַרוואָס קומט אים אַזאַ שטראָף? מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי שווער פאַרזינדיקט פאַר גאָט?

דאָס ערגסטע איז די איינזאַמקייט. שאול האָט ניט קיין פריינד. ער טרויט קיינעם ניט און נאָר מיט זיינע לײדן איז ער פאַרנומען. די לעצטע צייטן האָט ער אַפילו פאַרלאָזן דעם קאַמף מיט די פלשתים. זיי האָבן, ווייזט אויס, דערפילט, אַז ביים נייעם מלך איז ניט אין אָרדענונג. זעלטענער זיינען געוואָרן די העפטיקע קלעפּ, וואָס שאול פלעגט זיי געבן. דער העלד פון ישראל, דוד, איז גאָר ביי די פלשתים אין לאַנד. און זיי זיינען אַריבער אין אָנגריף.

ביז שונם און יזרעאל האָבן די פלשתים דערפירט א גרויס חיל, און איצטער, ביי דער אויסערלעכער געפאַר, האָט שאול נאָך שטאַרקער דערפילט זיין קראַנקייט, שוואַכקייט, שרעק: פאַרלאָרן די זיכערקייט, וואָס האָט שטענדיק געפירט צו נצחון. פאַרקערט, שאול איז איצט זיכער אין זיין מפלה, אין נצחון פון שונא.

מיט פינצטערע, אונטערערדישע פאַרבן איז געמאָלט דער בילד פון דער לעצטער נאַכט אין שאולס לעבן.

שאול וויל זיך טרעפן מיט דעם, וואָס האָט אים אַמאָל באַשטימט פאַר א מלך און שפּעטער צעריסן די מלוכה; מיט דעם, וואָס האָט אים גרויס געמאַכט און שפּעטער אַזוי טיף אין גרוב געוואָרפן; מיט דעם, וואָס האָט שוין פון לאַנג באַשטימט זיין טרויעריקן סוף, — מיט שמואלן.

שמואל איז טויט, און שאול וויל אַרויסרופן דעם שאָטן פון מת, נאָך איין מאָל הערן פון פאַרשטאָרבענעם נביא וועגן גורל, וואָס דערוואַרט אים. עס איז אַן אַקט פון דעפּרעסיוון צושטאַנד, פון גייסטיקן זעלבסטמאָרד, צו וואָס עס ציט דעם קראַנקן.

שאול פאַרקליידט זיך און גייט אַוועק אין עין-דור, צו א פרוי, וואָס טרייבט כשוף, צו דער בעלת אוב, וואָס רופט אַרויס טויטע גייסטער. פריער, אין זיין געהאָרכזאַמקייט צו גאָט, האָט שאול געהייסן אויסהרגענען אַלע מכשפות אין לאַנד. איצט מוז ער ברעכן זיין אייגענעם פאַרבאָט און באַהאַלטענערהייט זיך בעטן ביי דער פרוי, איר שווערן, אַז קיין שלעכטס וועט איר ניט פּאַסירן, זאָל זי אים נאָר אַרויסברענגען שמואלן.

דורך דער בעלת אוב הערט שאול, ווי שמואל איז אומצו־
פרידן, וואָס מען האָט אים געשטערט פון זיין אייביקער רו, און
איצט האָט ער גאָרנישט וואָס צו זאָגן אַנדערש, ווי מיט יאָרן
צוריק: „פאַרן זינד פון ניט געהאָרכן: אַז אין דער מלחמה מיט
עמלק, איז די מלוכה אָפּגעגעבן אַ בעסערן פון אים, דודן פון
שבט יהודה. די מלחמה מיט די פּלשתים וועט שאול פאַרשפּילן.
אים און יונתנען וועט מען דערהרגענען.“

וואָס דען אַנדערש האָט געקענט זאָגן שמואלס גייסט? וואָס
פאַר אַנדערע בשורות האָט געקענט דערהערן דער קראַנקער מלך,
ווי די, פאַר וועלכע ער האָט זיך געשראָקן דעם גאַנצן לעבן?

רירנד איז דער בילד, ווי די פרוי, די מכשפה, בעט זיך מו־
טערלעך ביי שאולן, ער זאָל וואָס עסן. „זי האָט ניט געשוינט
איר לעבן און אים געפאָלגט; זאָל שאול איר אויך דאָסמאָל
פאָלגן און נעמען וואָס אין מויל, האָבן כוח צו גיין אין וועג.“

געשטאָרבן איז שאול ווי אַ העלד. די פּלשתישע פיילן האָבן
אים אויסגעמאַטערט. פאַרן אָנווערן די לעצטע כוחות בעט שאול
ביי זיין געווערטראָגער, ער זאָל אים דערשטעכן, די פּלשתים זאָלן
אים לעבעדיקערהייט ניט כאַפּן. דער געווערטראָגער וואַגט אַזוינס
ניט צו טאָן דעם מלך פון ישראל, און שאול אַליין האָט זיך אַרויפ־
געוואָרפן אויף זיין שווערד.

אַזוי האָט געלעבט און געשטאָרבן דער ערשטער מלך אין
ישראל.

## פון דעמזעלבן מחבר:

לעבן און שאַפן פון די נביאים.

דער בלבול אויפן רמב״ם. דער משפּט.

רמב״ם. מאָנאָגראַפיע.

פון לעטישן עפּאָס.

כנען און מצרים. היסטאָרישער ראָמאַן.

Hiršs Melameds

# IN BAGINEN

1939

Izd. „Dzīve un Kultura“, Rīgā, Dzirnavu ielā 57